246

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 385) פינף און צוואנציקסטן יאר יאנואר 1964 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

צום 100'סטן געבוירן יאר פון ישראל זאנגוויל ... ** 1
„א יידיש ליד פון ישראל זאנגוויל" (ליד) ... ישראל זאנגוויל 2
זאנגוויל (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 2
ישראל זאנגוויל צו זיין הונדערסטן געבורטסטאג (עסיי) ... י. ביעטש 3
א זאנגוויל־עפיזאד (מיניאטור) ... מנשה ווייסגראז 6
אליהו הנביאס כוס (דערציילונג) ... ישראל זאנגוויל 7
ישראל זאנגוויל און סאלאמאן י. סאלאמאן ... אלגא סומך־פיליפס 16
דאס מלחמה יאר 1914, צום 25'סטן יאר „לשון און לעבן" (פראזא און ליד) א. נ. שטענצל 17
„לשון און לעבן" ווערט 25 יאר אלט ... נ. רובין 33
רעדאקציע נאטיץ ... 34
יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאג

## פינף און צוואנציקסטער יארגאנג

דער היינטיקער נומער לכבוד דעם יובל האט געזאלט זיין א פארגרעסערטער נומער. אבער ליידער אוממעגלעך. לאנדאנער־קולטור־ידיעות וועלן קומען אין קומענדיקן נומער.

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

דער קולטור־קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס און דער פאַריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן, ענגלאנד

פ י י ע ר ו נ ג  פ ו ן

## ישראל זאנגוויל׳ס

הונדערט יאריקן געבוירנטאג

זונטיק, דעם 9־טן פעברואר, 1964, פונק 3 א זייגער

אין

Ambassadors Hotel, Upper Woburn Place, London, W.C.1

רעדנער:

יוסף לעפטוויטש, יוסף פרענקעל, א. ראלין, א. נ. שטענצל

פארזיצער: ש. גאלדשמידט

דעם 16׳טן דעם חודש, וועט האַלטן א רעפעראַט

דער בארימטער יידישער שרייבער **מענדל מאן**

איבער די גרויסע העברעאישע שרייבער:

ש. י. עגנון, חיים הזז, מרדכי טביב און דוד שחר

באגריסונגען, פראגן און דיסקוסיעס

פאַרזיצער: א. מ. ק י י ז ע ר

איינטריט פריי

קומט אין צייט

## ארבעטער - רינג

13 סילוועסטער האטה, העקני

זונטאג, דעם 23סטן פעברואר, 1964, זעקס אזייגער אין אוונט

אין קארא־האָטעל

Upper Woburn Place, W.C.1

וועט **דארא טייטלבוים** אויפטרעטן מיט א רעציטאציע פון אירע ווערק

אין יידיש און אין ענגליש

די טאמע: „די פאעמע און דאס ליד אינם קאמף פאר שלום״

## פריינט פון יידיש לשון

25׳סטער יארגאנג „לשון און לעבן״

זונטיק, דעם 15׳סטן מערץ, 1965, 7 אזייגער

אין אדלער־האל, אדלער סטר. א. 1

רעדעס, רעציטאציעס, באגריסונגען און געזאנג

ביי געדעקטע טישן

LC. 1035/16
TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No: 870

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 385)   פינף און צוואנציקסטן יאר   יאנואר 1964 לאָנדאָן

## צום 100׳סטן געבוירן יאר פון ישראל זאנגוויל

ישראל זאנגוויל, די ליטעראַרישע פערזענלעכקייט, די רעפּרעזענטיווע פיגור, אויפגעוואַקסן און ארויסגעוואקסן אינעם ווייטשעפּלער באָדנלאָזן באָדן. דאס וואונדער־קינד, וואס האט אין דעם מעריב־אייראָפּעאישן יידישן ראציאנאליזם אריינגעברענגט אן אייגענע, — מ׳קאָן אפילו זאגן א ווייטשעפּעלער! — נאַטע: צפּאלאגעטיש לגבי חוץ און מגידיש־תּבֿחהדיק לגבי פנים. די השכּלה־פראזע „יהודי בביתך ואדם בצאתך״ האט באקומען א יהודיש־ווייטשעפּעלער אינטערפּרעטאַציע, א פאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע אויי־צוזאָגן.

זיין געצוימטע יידישלעכע סאַטירע, און זיין ענגלישער „סענס אויף יומאָר״ גייען אויף אין א סענטימענטאַלן ווירדיק־ריח־נחת פון יהודיש שמעקנדיקן רעאַליזם . . . ביידע, די „קינדער פון דער געטאָ״ און „די מרוימער פון דער געטאָ״, זיינען צוויי זייטן פון דער מטבע פון זיין „קעניג פון די שנאָרער״.

דער יידישלעכער הומאר! „אויף א נאווינע א קוגעלע פון בולבעס״, און אלע אונזערע „איינגעהאַקטע צרות״ פון אונזערע „גבירים און קבצנים״ אין סאטיריש „זמרל־פאטראָנוע״. און וואס פאַר א קשיא פאַרקאַנט ערשט שלום עליכם אין זיין „טעפּל״. און אפילו ווען מיר ווערן יידישלעך סענטימענטאל, ווען שבת־קודשדיקע לעבערלעך־מיט־ציבעלע־טרערן רינען שמאַלציק פון אונזערע אויגן . . . שלום אש נאָך אין זיינע פון מאַמעדיקע טעפּלעך.

ישראל זאנגוויל, דער ראציאָנאַליסט־ציוניסט, דער אוגאנדיסט, האט באַשאַפן יידן, וואס זיינען שוין גאָר קיין נאראנים, נישט! קיין איין שטויבעלע אין אויג נישט צומאל פון א כעלעמער מלמד איז וויאזוי האט ער זיי געזאָלט שפּייזן מיטן יידישלעכן פאלקס הומאר. דיינו, ווי גרויס איז דאס, אז אזא שרייבער פערזענלעכקייט האט געקענט ארויסוואקסן אויף דעם ווייטשעפּעלער באָדן אין דעם „סער״־הבשר, אויפשוימען אין זיין בערימט געוואָרענעם „שמעלץ־טאָפּ״.

דער אונטערשיד פון אונזערע יידישע קלאסיקער, ביז צו דעם קלאסיקער פון די ענגליש־יידישע שרייבער איז דער, וואס זיי, ארויסקומענדיק פון געטאָ, האבן זיי געשאַפן זייערע אייגענע שטעטלעך, „גלובסק״, „יעהופּיץ און „גנויב־נישט־נאָך־הבער״ — פון די בלויסע ריחות פון די בטעמטע היימישע מאכלים האט זיך אן עמך־פאלק געגענערט פון „קוילער געסל״ ביזן „סמאָזיוסקי״־געסל און נאָך אבאטאַשור׳ס „שיך פּיצערס״ איבער אלע שבעה־ימים אין די האָלקנקראצערס. ער אבער, ישראל זאנגוויל, דאס „טרוימער־קינד״ ארויסגעוואַקסן פונם „יעמט״ צו דער גרויסער פּערזענלעכקייט, צו דער וועלט־פיגור, איז ער געבליבן שטיין אין א ליידיקן חלל. ער וואַרט נאך אלץ אויף זיינע יורשים.

## א „יידיש“ ליד פון ישראל זאנגוויל

מיינע שוועסטער, ברידער, גרינע,
הערט צו מיין פערנונפטיק ווארט,
דאס פון דיזער גראנד מדינה,
מען שיקט אייך נישט ווידער פארט.

אייך איז עס גענוג באקאנט,
ענגלאנד איז נישט א יידיש לאנד,
דרום זאלט איר אייך שטרענג בעשטרעבן
ווי ענגלישמען צו לעבן.

קוגעל מוסן איר פערגעסן,
קריסמאס פודינג זאלט איר פרעסן.
ווען זי מיינע ווארטע הערן,
ווערט איר זיין געערט, געשעצט,
ענגליש מענער וועט איר ווערן,
און אין פארלאמענט געזעצט.

### יוסף לעפטוויטש

## זאנגוויל

אימיצער האט געקליבן פירות,
און געבראכט קארן פון דיין פעלד,
און איך בין דער בוידעם, דער שפייכלער,
וו מ'האט אלץ ארייגעשטעלט.

פון דעם קארן נעמט מען אויף ברויט צו באקן,
פון די עפעל מאכט מען קוואס,
און אויפן בוידעם איז דא ארט צו נעכטיקן,
פאר א מידן וואס קומט פון גאס.

דו ביזט מער ניטא ביי דיינעביימער,
דיינע פעלדער זען דיך ניט,
נאר פון דעם וואס דו האסט פארזייט,
וועט זיין פאר דורות רייכער שניט.

ס'וועט פאר ווייטערע דורות דארט וואקסן,
א שפע, א ברכה, גאר לאנג.
מיר וועלן גארבן דיינע תבואה און פירות
מיט פריידיקן געזאנג.



### יהודה ביעטש

## ישראל זאנגוויל צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאג

עס איז ממש נישט צו באשרייבן דעם איינדרוק, וואס די פערזענלעכקייט ישראל זאנגוויל האט אויף מיר געמאכט ווען כ'האב אים דאס ערשטע מאל געזען און געהערט רעדן אויף א מאסן־פארזאמלונג אין דער גרעיט־אסעמבלי האל, מייל־ענד. דאס איז געווען אן ערך מיט א האלבן יארהונדערט צוריק, און אין מיין זכרון טויכט אויף א הויכע פיגור, מיט אן אדלער־ארטיקן קאפ, נאבעלע כאראקטער־שטריכן, וואס ווייזן ארויס א גרייטקייט תמיד צו טון גוטס. זיין גאנץ אויסזעען האט אויף אייך געלאזן א רושם פון א שטאלצן מנהיג און ווארימען ייד.

איז דאך אן ספק וויכטיק ארויסצוכאפן געוויסע מאמענטן פון זיין לעבן און שאפן גראד איצט, ווען מען פייערט זיין הונדערטסטן געבורטסטאג. הגם ס'איז שוין א היפשע פאר יאר זינט ער איז פון אונז אוועק אין דער אייביקייט אריין, איז אבער די גרויסע ירושה, וואס ער האט נאך זיך איבערגעלאזן, אלץ פריש און פון גרויסן פארמעסט פאר דער יידיש־ענגלישער ליטעראטור. מחמת דעם וועט טאקע די גרויסע ענגליש־יידישע וועלט אים ברייט און טיף באהאנדלען, ארויסברענגענדיק נישט בלויז געהעריקע אפשאצונגען פון זיינע ווערק, נאר אויך אן אפקלאנג פון אט דעם בארימטן דיכטער און ענגלישן פראזא־מייסטער און זיין צייט.

אנגעהויבן פארעפנטלעכן ליטערארישע ארבעטן האט ישראל זאנגוויל צו זעכצן יאר, אזוי גיבן אונז איבער זיינע פריינט פון יענער צייט. אין יאר 1880 האט ער רעדאקטירט א זשורנאל, וואס האט געטראגן דעם נאמען „פורים“. פאר זיינע פריינט איז עס געווען ווי סימבאליש, ווייל פורים גופא רעפרעזענטירט מיט זיך אן ערנסטע געשיכטע איינגעהילט אין א לוסטיקן מאנטל; און ישראל זאנגוויל האט דאך כסדר געשריבן איבער ערנסטע ענינים, אבער מיט הומאריסטישן סטיל. זיין הומאר, וואס אן אמת, איז נישט געווען סתם אונטערצוהאלטן דעם עולם, נאר האט געדארפט דינען א פיל העכערן צוועק. כדי צו באלויכטן א צו קאמפליצירטע סיטואציע, פלעגט זאנגוויל תמיד געפינען א שארפזין, א וויציק ווארט.

א צייט לאנג האט ישראל זאנגוויל געלעבט און געשאפן אין דער איסט־ענד פון לאנדאן, און דאס מוז מען אונטערשטרייכן, ווייל זיינע בארימטסטע ווערק האבן צו טון מיטן דארטיקן יידישן לעבן. „די קינדער פון געטא“, זיין „בעסט סעלער“, איז ממש א סאציאלאגיש שטודיום פון אט דער געגנט, הומארייך געשילדערט. מיר האבן דא נישט בלויז רעאליסטישע שילדערונגען, מיט כלערליי איינצלהייטן, נאר א טיף אריינדרינגען אין דער פסיכיק פון די מענער און פרויען געשטאלטן.

יא, אין אסך הינזיכטן דערמאנט אונז זאנגוויל מיט אט דעם ווערק אין שלום־עליכמען. מעגלעך, אז ער האט זיך גענומען אונזער גרויסן יידישן קלאסיקער פאר א מוסטער. אבער זאנגוויל, מוז מען זאגן, איז נישט אזוי קינסט־

לעריש, מחמת ער האט געשריבן אויף ענגליש און פאר ענגלענדער. ער האט גוט געקענט שילדערן די וואריאציעס, די טיפן און כאראקטערן פון דער יידישער סביבה, אבער דאס האבן כסדר אין זינען זיינע נישט־יידישע לייענער, פאר וועמען ער האט אייגנטלעך קודם־כל געשריבן, האט ביי אים אפגעשוואכט דעם קינסטלערישן אטעם.

יענער שטייגער לעבן אין דער איסט־ענד געהערט שוין לאנג צו דער פארגאנגענהייט, און דאס היינטיקע ווייטשעפל שפילט מער נישט קיין שום וואגיקע ראלע אין דעם יידישן קולטור־שעפערישן לעבן. אבער פון יענעם כמעט שוין לעגענדארן יידישן לאנדאן, איז ווייטשעפל, מיט די זייטיקע געסלעך, דאך פארבליבן ווי א שם־דבר אין היכל פון דער יידישער קולטור, וואס דער חותם איז נאך מיט אונז ביזן היינטיקן טאג.

אודאי זענען זאנגווילס ווערק פון גרויסער חשיבות, מחמת עס ליגט אין זיי אזויפיל יידישע פאלקס־חכמה, פאלקלאר און יידישע פאלקס־פאנטאזיע. הארץ און מוח זענען אין זיי אדורכגעוועבט. ער האט אין זיי אריינגעלייגט די יידישע אמרו און דאס ריין מענטשלעכע געוויסן. צוויי הויפט־געדאנקען האבן אים באשעפטיקט דאס גאנצע לעבן לאנג: ראשית, צו דערהויבן דעם נאמען ייד און צו באפרייען דאס יידישע פאלק; והשנית, צו פארבעסערן און צו דערהויבן די מענטשהייט בכלל. אין דער הינזיכט האט ער תמיד פארזוכט נישט צו בלייבן בלויז א נאה דורש, נאר אויך א נאה מקיים. אזוי האבן מיר אים אפט געקענט טרעפן אויף דער זייט פון די געקריוודעטע, וואס פאר זיי איז ער געווען ווי א ליכטיקער שטערן, פול מיט חסד און מענטשן־ליבשאפט.

אלס דער אוהב את הבריות — זאנגוויל — איז געשטאנען אין דער שפיץ פון פאריינען און באוועגונגען, וועמעס אויפגאבע ס'איז געווען אויסצוקעמפן מענטשלעכע רעכט. בלב ונפש האט ער זיך מיטבאטייליקט אינם קאמף פון די פרויען אין ענגלאנד פאר גלייכע רעכט און שטים־רעכט צום פארלאמענט. מיר אין זכרון איז נאך פריש ווי אויף א פארזאמלונג פון סופראזשעטן אין דער קינגסוועי האל, דעם 25סטן פעברואר, 1915, האט אים עמיצער באליידיקט מיטן פארוואורף, אז ער איז א ייד!...

ווי אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט פאר דעם ווירדיקן ענטפער אלס ייד, האט מען זאנגווילן שפעטער עפנטלעך איבערגעגעבן א מתנה—א דעקאראטיווע שילד, געצייכנט פונם קינסטלער ל. בערסאן.

אין דעם צוזאמענהאנג איז טאקע כדאי איבערצוגעבן דעם אינהאלט פונם בריוו, וואס ישראל זאנגוויל האט געשיקט צו ל. בערסאן, דעם ערשטן דירעקטאר פון בן־אורי קונסט־פאריין. שפעטער איז זאנגוויל בכבודו ובעצמו געווארן דער ערשטער פרעזידענט פון אט דעם פאריין.

„אן אנגענעמער צופאל, שרייבט זאנגוויל, האט מיך באקאנט געמאכט מיט די שאפונגען פון מר. ל. בערסאן, ווייל ער איז עס דאך דער קינסטלער, וואס האט געצייכנט א קונסט־ווערק, וואס מען האט מיר געשאנקען; א ווערק, וואס אנטפלעקט א שיינקייט פון א נייעם טיפ. דאס איז נישט אנדערש ווי דאס אלט־העברעאישע, און דאך קען דאס אלט־העברעאישע נישט אזא ארט צייכונג. —



עס איז א שאפונג פון מר. בערסאן אליין אונטערן איינפלוס פון אלט־העברעאישע עלעמענטן. פון די צייכנונגען און אויס־קריצונגען אויף אלטע מעדאלן און מטבעות, אילומינירטע כתבי־יד און מגילות, ווי אויך פון די ברויזנדיקע גראזן און ים־בלעטער פון פאלעסטינע, האט ער געשאפן א נייע דעקאראטיווע קונסט אין א נייעם סימבאליזם. און איצט איז עס די מער פרימיטיווע קונסט, וואס שיינט אים אלץ מער צו אינטערעסירן און נישט נאר אים, נאר אפילו דאס לאנדאנער געטא, וואס ער האט געפינען א מיטל וויאזוי עס איבערצוגעבן זיין אייגענעם ענטוזיאזם".

זאנגוויל דער טרוימער האט געזוכט א סינטעז פארן מענטשלעכן לעבן, איבערהויפט פאר דער יידן־פראגע. אים האט זיך אויסגעדוכט, אז דער טעריטאריאליזם פירט צו אט דעם סינטעז, צום פאראייניקן דאס יידישע פאלק, צום דערהויבן דעם נאמען ייד און זיין באפרייאונג. אויך האט ער געטרוימט פון פאראייניקן די מענטשהייט אונטער איין אמונה, וואס האט געזאלט זיין א סינטעז פון אלע אמונות און אנטהאלטן דאס שענסטע און בעסטע פון אלע. אט די דאזיקע אידייען קומען צום אויסדרוק אין דער דראמע זיינער—„מיין רעליגיע".

אין אן אנדערער דראמע, „דער שמעלץ־טאפ", באהאנדלט ער דאס ראסן־פראבלעם און וויאזוי ס'וואלט געקענט קומען צו א פארברידערונג פון פעלקער. די דראמאטישע גרופע ביים בן־אורי פאריין האט אויפגעפירט אט די דראמע אין פרינץ־אוף־וויילס טעאטער, אין דער וועסט־ענד, זונטאג, דעם 30סטן אקטאבער, 1938.

אין „מיר מאדערנע", א קאמעדיע, באהאנדלט ישראל זאנגוויל דאס פראבלעם פון קינדער־דערציאונג. בלויז דורך מילדקייט און איבערגעגעבנקייט, האלט ער, קען מען אפווענדן די יוגנט פון שלעכטע דרכים.

אזוי זעען מיר ווי ישראל זאנגוויל, דער מענטשן־ליבהאבער, האט געזוכט א לייזונג צו יעדן וויכטיקן מענטשלעכן פראבלעם. דאס לעבן אבער איז זיך געגאנגען זיין גאנג, און זאנגוויל האט זיינס נישט געזען פארווירקלעכט. ער, דער גרויסער זוכער פון יושר איז פארבליבן „א טרוימער פון געטא"...

זאנגווילס ווערק האט מען איבערזעצט אויף צוואנציק שפראכן, צווישן זיי העברעאיש און יידיש. ליידער האבן מיר נישט דאס בעסטע און גרעסטע אויף אונזער לשון. מיר טארן אויך נישט פארגעסן זיינע איבערזעצונגען אויף ענגליש פון פיוטים, וואס געפינען זיך אין די מחזורים „עבודת הקודש". כדי באטש צו ציטירן עפעס פון זיין גרויס ווערק, „די קינדער פון געטא", אזוי וויכטיק פארן ווייטשעפל פון אמאל, ברענגען מיר דא איניקע שורות פון ז׳עם אריינפיר:

„נישט דא אין אונזער לאנדאנער געטא די טויערן און קאפאטעס פון דעם אלטן געטא אין דער אייביקער שטאט — רום; דאך פעלן נישט קיין סמנים אויסערלעכע, דורך וועלכע עס צו דערקענען און די יעניקע, וואס וואוינען דערין. די שמאלע געסלעך צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין ספעציעלער ארכיטעקטור; דער שמוץ איז נישט מאלעריש. דאס געטא איז נישט מער די ארענע פון טראגישע שחיטות און מארטירערטום; נאר פאר דער אומקלא־

רער, טיפערער טראגעדיע, וואס אנטוויקלט זיך פונם דרוק פון די אייגענע כחות, און דער פארשלעפטער טראגי־קאמעדיע פון שמוציקער און כיטרער ארימקייט. נישט געקוקט אויף דעם אלעם, איז אונזער לאנדאנער געטא א געגנט, וואו, מיט דער אומריינקייט און שמוץ, בליט דאך די רויז פון ראמאנס אביסל לענגער אין דער רויער אטמאספערע פון דער ענגלישערווירקלעכקייט; א וועלט, וואס פארהוילט אונטער דער שטיינערנער און אומליבלעכער איבער־פלאך, א וועלט פון חלומות, פאנטאסטישע און פאעטישע ווי דער מיראזש אויפן אריענט, וואו זיי וועבן זיך, פון אבערגלויבנס גראטעסק ווי די דאך־רינעס אויף קאטעדראלעס פון מיטלאלטער, ווען זיי זענען געבוירן געווארן. און איבער אלע ליגן צערטלעך געווייסע שטרייפנס פון הימלישן ליכט, וואס שיינט אראפ פון פנים פון גרויסן נותן־התורה".

עס איז א צו גרויסע אויפגאבע צו שרייבן איבער ישראל זאנגווילס ווערק. אויף וויפל מעגלעך, האב איך אין אט די קורצע שורות געזוכט צו באטאנען זיין פערזענלעכקייט אלס מנהיג, כלל־טוער און קעמפער פאר מענטשן־רעכט.

זאנגווילס שריפטן זענען פון גרויסן פארנעם, ר'איז געווען א פיל־זייטיקער און בארימטער שריפטשטעלער, דיכטער, דראמאטורג, אויסגעצייכנטער דער־ציילער און פיינער עסייאיסט. נישטא קיין ליטעראריש געביט, אויף וועלכן מיר זאלן אים נישט געפינען. אין זיין ראמאנטישן היכל רוט אויף אלעמען די שכינה פון שלום און צדק.

אט די טיטאנישע פערזענלעכקייט — זאנגוויל, וועט תמיד בלייבן אין אונזער זכרון אלס דער ריטער פון מענטשן־ליבע, אלס דער זוכער פון אייביקן אמת!

## מנשה ווייסגראז

# א זאנגוויל - עפיזאד

אין דער טעגלעכער צייטונג "דער טעלעגראף", אונטער דער רעדאקציע פון נחום סאקאלאוו, איז געווען א געלונגענע קאריקאטור אין א פרייטאגדיקער ביילאגע, וו זאנגוויל זיצט איינגעהויקערט ביי א גלאבוס און זוכט א טעריטאריע פאר יידן. דאס איז געווען אין יענע וואכן פון אויגוסט, 1903, בשעת דעם אוגאנדא־פראיעקט, און זאנגוויל איז געווען אויף דער זייט פון הערצלען.

אונטער דער קאריקאטור זענען געווען איניקע סאטירישע סטראפן, וואס, ליידער, געדענק איך נאר די אייבע:

"זאנגוויל זיצט,<br>
זוכט און שוויצט,<br>
ביי א גרויסן גלאבוס;<br>
און ווער עס לאכט<br>
פון אים אפ און וויצט,<br>
דער איז א גרויסער לאבוז!



## ישראל זאנגוויל

# אליהו הנביאס כוס

אהרן בן־עמרם האט אראפגענומען פון דער קערה די זרוע און דאס געבראטענע איי, און בשעת זיין ווייב מיט די קינדער האבן אונטערגעהאלטן דעם טעלער, אויף וועלכן ס'האבן זיך איצט געפונען בלויז דער מרור און די מצות, האט ער אנגעהויבן זאגן הא לחמא עניא — דאס פרעלודיום צום סדר.

"הא לחמא עניא — דאס איז דאס ארום ברויט — די־אכלו אבהתנא — וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן — בארעא דמצרים — אין לאנד מצרים. כל־דכפין — ווער עס איז הונגעריק — ייתי ויכול — זאל קומען און עסן; כל־דצריך — ווער עס נויטיקט זיך — ייתי ויפסח — זאל קומען און האלטן פסח. השתא הכא — האיאר דא — לשנה הבאה בארעא דישראל — איבער א יאר ארום אין לאנד ישראל! השתא עבדי — האיאר קנעכט, — לשנה הבאה בני חורין — איןאיאר

אבער דער פויליש־יידישער דאקטאר האט גארנישט ארויסגעוויזן קיין שום קנעכטישעס אין זיך. מיט א ווייסער בארד, אנגעטון אין א לאנגן, ווייסן קיטל און א ווייסער יארמולקע, און טראנענדיק אויפן הסיב־בעט, האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א קעניגלעכער פיגור. איז ער דאך אין דער נאכט פון אלע נעכט געווען א "מלך" און זיין ווייב א "מלכה".

נאר זיין "מלכה" גאלדע, נישט געקוקט אויף איר זיידן קלייד און דעם באבלימלטן הייבל, האט עפעס נישט געקענט מיטמאכן איר מאנס מאיעסטעטישע שטימונג, נאך ווייניקער נאך די רויזיקע גליקלעכקייט פון אירע קינדער, ארום דעם באגייסטערנדיקן טיש. דאס הארץ איז איר געווען פול פון א פארגעפיל וואס האט זיך נישט געלאזט בארואיקן פון דעם מאנס ניגון און די קינדערס געזאנגען. די שטימונג ביי די קינדער פאסט זיך גאנץ גוט איצט, מחמת זיי אהנען גארנישט, נאר ווי האט עס איר מאן געקענט אזוי פארגעסן די שרעק פון דעם בלוט־בלבול אין יענעם יאר, ווען ער האט זי געפירט אונטער דער חופה?

זיכער האט ער געמוזט וויסן, אז מען רעדט שוין ווידער פון דער דאזיקער שוידערלעכער לעגענדע, אז די שנאה צו יידן האט שוין ווידער דערגרייכט א געפערלעכן פונקט, אז די פריצים און די פויערים אטעמען שוין מיט כעס אונטער דער לאסט פון זייערע חובות. האט מען דען נישט פארשפרייט עפעס א קלאנג אויפן מארק פאר פסח וועגן א קריסטלעך קינד, וואס איז פארלוירן געגאנגען? טאקע יענע מעשה! נאך נישט דערמארדעט, גאט צו דאנקען, און אפילו נישט קיין מת. נאר טאמער געפינט מען דאך א יינגל מיט סמנים פון געוואלד־טאטן אויף אים גראד אין דער צייט פון קרבן־פסח, ווען די פראוואס־לאווגע קירכע דענקט אזוי נאך פון דער קרייציקונג! גאט פון אברהם, באשיץ אונז פון די דאזיקע טייוולאנישע פאנאטיקער!

אבער דער ערשטער טייל פון דעם סדר־צערעמאניאל איז בשלום אדורך, באגלייט פון כוסות ראזשינקע־וויין, און מען איז געקומען צום עסן, וואס

האט ביי די קינדער ארויסגערופן אן עקסטרא שמחה. זיי האבן געמאכט מאדנע מינעס מיטן מויל, ווי יעדעס יאר, ביים מרור, וואס האט דערמאנט די ביטער־קייט פון גלות־מצרים, און עקסטאטישע גרימאסן ביי די חרוסת, דעם אנדענק פון די ציגל וואס מע האט געמאכט אין מצרים; האבן מיט געשמאק געגעסן די אייער מיט זאלץ־וואסער, און דערנאך, ווען מען האט שוין געהאט אראפ־געשלונגען אלע סימבאלן כדבעי, האט מען זיך גענומען צו די מער פראזאאישע מאכלים, ווי פיש, קניידלעך מיט יויך, פלייש, וועלכע האב אויך געהאט א ספע־ציעלן טעם מיטן פסחדיקן געפעס און דעם געכשרטן געשיר.

איצט איז גאלדע געווען שוין אויף אזויפיל אויפגעהייטערט, אז זי האט אפילו געקענט טראכטן פון אוועקלקוגען דעם אפיקומן פון אונטער אהרנס קישן, ווי זי פלעגט עס טון פריער יעדעס יאר.

אבער אליהוס כוס איז געשטאנען אינמיטן טיש נישט פארזוכט. יעדעס מאל ווען מען איז געקומען צום טרינקען א כוס, האב די קינדער געווארפן א בליק אויפן גרויסן זילבערנעם בעכער, וואס מען האט אוועקגעשטעלט פארן נביא פון דער גאולה. לײדער איז דער פולער בעכער ראזשינקע־ווײן געבליבן אומבארירט!

זיי האבן געכובען א טרייסט אינם געדאנק, אז די גרויסע שעה וועט נאך קומען — די צייט פון דריטן כוס, ווען די מאמע וועט עפענען די טיר און דער טאטע וועט זיך אויפשטעלן, האלטנדיק דעם בעכער הויך, צו באגריסן אן אומגעזעענעם גאסט.

אמת, אין פריערדיקע יארן, הגם ס'האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז זיי הערן עפעס א גערויש פון פליגל, איז דער גרויסער שײנענדיקער בעכער פארבליבן פול, און ווען מ'האט אים צוריק אוועקגעשטעלט אויפן ווייסן טישטוך האט אן אומקלארער פארדראס אנגעפילט די קינדישע ברוסט פארוואס אליהו הנביא האט זיך נישט באוויזן. יא, מען האט געקענט געפינען תירוצים וויאזוי אראפ־צונעמען די שולד פונם נביא — נישט אויסשליסנדיק זייערע אייגענע זינד — נאר איצט, ווען בן־עמרם האט א וואונק געטון צו זיין ווייב, אז זי זאל אויפ־מאכן די טיר, איז די ידערוואַרטונג געווען גאר גרויס, און די יונגע הערצלעך האבן האסטיק געקלאפט און מיט אמונה.

נאר דער מאמעס הארץ האט געציטערט מיט גאנץ אנדערע געפילן. א שוואך געשריי פונם פוילישן קווארטאל, בשעת זי האט אריינגעטראגן דעם סאמאוואר צוריק אין קיך אריין, האט ביי איר אויפסניי אויפגעוועקט איר מורא, און זי האט געגעבן א מאך אויף די טיר. אבער בן־עמרם איז נישט געווען אויף אזויפיל צעשטריט, אז ער זאל זיך לאזן נארן פון איר גרייטוויליקער געהארכזאמקייט. הוץ מזה, האט ער געקענט זעען ווי די טיר צו דער גאס איז געבליבן פארמאכט. ער האט זשעסטיקולירט, אז מען זאל זי עפענען.

זיין ווייב האט געמאכט אן אנשטעל, אז זי פוילט זיך.

— א, ס'מאכט נישט אויס.

— דוד, מאך אויף די טיר צו דער גאס.

דאס עלטסטע יינגל איז אויפגעשפרונגען מיט פרייד. ער וואלט ממש נישט



געקענט מוחל זיין דער מאמען, טאמער טרעפט ער אליהו הנביא אויף דער שוועל.

— ניין, ניין, דוד! — האט גאלדע אים אפגעשטעלט. — די טיר איז צו שווער. — ער וואלט נישט געקענט אויפריגלען און אראפנעמען די פרענטן.

— האסט טאקע פארריגלט? — האט בן־עמרם געפרעגט.

— פארוואס דען נישט? די גוים גייען דאך ארום ווי משוגענע הינט אין גאס.

— בא! זיי וועלן אונז נישט בייסן.

— אהרן, האסט דאך געהערט וועגן דעם פארלוירן געגאנגענעם קריסט־לעכן קינד!

— איך האב געראטעוועט אסך קריסטלעכע קינדער, גאלדע.

— זיי וועלן דאס נישט געדענקען.

— איך מוז טון ווי אין דער הגדה שטייט. — און ער האט געמאכט א פרואוו אליין צו עפענען די טיר.

— ניין, ניין, אהרן; הער!

שארפע קולות אין געשרייען האבן זיך גענומען דערנענטערן פאר זייער הויז. ער האט געטון א צי מיט די אקסלען. — איך הער בלויז ציגן מעקען.

זי האט זיך אנגעהאלטן אין אים ווי ער האט זיך דערנענטערט צו דער טיר.

— האב אין זינען אונזערע קינדער!

— מאך דיך נישט קינדיש, מיין קרוין!

— כ'בין נישט קינדיש. הער!

ער האט רואיק געשמייכלט. — מען מוז אויפמאכן די טיר.

איר מורא האט געשטארקט איר סקעפטיציזם. — דו ביסט קינדיש. ווייסט אליין גאנץ גוט, אז קיין נביא פון דער גאולה וועט נישט אריינקומען דורך אונזער טיר.

ער האט זיך א גלעט געטון די בארד. — ווער ווייסט? אפשר יא?

— איך ווייס. א משחית, נישט קיין גואל ישראל, וועט קומען. הער! גאט פון אברהם; דו הערסט נישט?

ס'האט מער נישט געקענט זיין קיין ספק, דאס געשריי פון א צעיושעטער מאסע, אויסגעמישט מיט די קלאנגען פון א הארמאניקע, איז געקומען אלץ נענטער און נענטער.

— נידער מיט די זשידעס! א טויט די שמוציקע יידן!

— גאט אין הימל! — זי האט אפגעלאזט דעם מאן, און געלאפן צו די קינדער, ווי וועלנדיק זיי נעמען אויף אירע ארעמס. דערנאך, הערנדיק ווי ער ריגלט אויף, האט זי זיך געגעבן א דריי אום מיט א געשריי.

— ביסטו משוגע, אהרן?

ער אבער האט ברייט אויפגעעפנט די טיר מיט דער לינקער האנט, בעת די רעכטע האט געהאלטן אליהוס כוס, און איבער דעם געוואי פון דעם נישט געזעענעם המון און דער קראמפהאפטער, שארפער מוזיק האט זיך געהויבן בן־עמרם'ס ברוך הבא צום גאסט!

קוים ארויסגערעדט די באגריסונג, איז א ווילד לויפנדיקע פיגור אין א רייכן פעלץ געקומען צולויפן פון עק גאס און כמעט אים געפאלן אין די ארעמס אריין, האלב פארגיסנדיק דעם ווין.

— אין גאטס נאמען, ר׳ אהרן! — האט געהעשעט דער פליט, און געפאלן האלב טויט איבער דער שוועל.

דער דאקטאר האט אים גיך ארייגעשלעפט אין הויז אריין, און פארהאקט די טיר פונקט ווי צוויי מוזשיקעס — שכורע אנפירער פונם געיעג האבן אים געהאט דעריאגט. די מוטער האט געגעבן א לויף־צו און גיך פארריגלט די טיר, און באלד האט דאס געשריי זיך אפגעטראגן און פארשוואונדן אין דער ווייטנס.

בן־עמרם האט אויפגעהויבן דאס בלייכע פארבלוטיקטע פנים, און דערלאנגט אליהוס כוס צו די ליפן. דער פרעמדער גאסט האט אויסגעטרונקען ביזן דנא, בעת די פארזאמלטע קינדער האבן זיך צוגעקוקט ווי פארכישופט. ווי דער קאפ איז צוריקגעפאלן, האט ער געכאפט דעם אפשיין פון די ליכט אויפן פסחדיקן טיש. דאס פנים איז געווען אפגעגאלט; פון די פיאות איז נישט געווען צומאל קיין סימן.

— מיימאן דער משומד! — האט די מוטער מיט ציטער א געשריי געטון.

— דו האסט געראטעוועט דעם אפטריניקן.

— האב איך דיר נישט געזאגט, אז מען מוז עפענען די טיר? — האט בן־עמרם ווייך איר אפגעענטפערט. א שמייכל האט זיך אים באוויזן אויף די ליפן, און ער האט זי אויסגעגלעט די בארד. — מיימאן איז געווען דער איינציקער ייד היינט ביינאכט אויף דער גאס, און וויאזוי האבן די שכורע ארימע פויערים געקענט וויסן, אז ער איז געטויפט?

נישט געקוקט אויפן לייכטן ציטער פון שרעק ביים אנבליק פון פאררעטער, זענען דוד און זיינע ברידער און שוועסטער דאך געווען אין געהיים צופרידן צו זעען אליהו הנביאס כוס סוף כל סוף אויסגעליידיקט.

ג

צומארגנס אין דער פרי האט דאס דאווענען פריילעך געקלונגען איבער דער גרויסער, געדיכט־געפאקטער שול. קיינער האט נישט געוואוסט צו דערציילן פון קיין געוואלד־טאטן, הגם דער המון האט אזוי געפילדערט. מען איז נישט געגאנגען חרוב מאכן דאס יידישע געסל מיט פייער און שווערד, און די מתפללים אין דער פיר־עקיקער, באטורעמטער שול האבן פרייער אפגעאטעמט, שאקלענדיק זיך אין די טליתים און מאכנדיק לעבעדיק מיט די הענט ביים דאווענען. דער ארון־קודש אויבנאן אין דער גרויסער געביידע, מיט די לוחות פון אויבן און דעם נר־תמיד, איז געשטאנען אפן. בן־עמרם האט מען מכבד געווען מיט פתיחה, און די רייכלעך באמענטלטע ספרי־תורה מיט זייערע זילבערנע גלעקעלעך און ידות זענען געשטאנען אנטפלעקט אין זייער פייערלעכער פראכט.

פון דער ווייבער־שול האבן די פרויען, אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים, אראפגעקוקט צו די מענער, בשעת דער חזן האט זיך צעלאזט מיט א פריילעך



געזאנג ביים עמוד, און די הארמאנישע „פאם־פאמס“ פון זיינע משוררים האבן דערגרייכט זייערע אויערן, ווי ס׳וואלטן געווען מלאכים אין הימל. פלוצלונג האט זיך דערהערט דאס געריט פון קאוואלעריע ווי א קלאנג וואס זאגט נישט אן קיין גוטס און קורצע מיליטערישע באפעלן. די מתפללים האבן זיך געגעבן א דריי־אויס ווי אונטער אן אנדערן ווינט, און די אויגן פון די ווייבער האבן זיך אנגעצונדן מיט פחד. די גרויסע טירן האבן זיך אויפגעפראלט און — א, די שוידערלעך־אומגלויבלעכע מראה — א שוואדראן קאזאקן, צו צוויי זייט ביי זייט, איז געקומען פאמעלעך ארייגצורייטן, מיט דעם שווערן געטופע פון פון פאדקאוועס איבער דער הייליקער שוועל און דעם גערויש פון שווערע זעבלען. זייערע שווארצע, הויכע קוטשמעס און לאנגע בערד, זייערע שינעלן פארקנעפלטע אויף דער זייט, און די פאסיקעס מיט קוילן, זייערע שטאלצע פערד, זייערע נאגייקעס, האבן אנגעווארפן א שרעק אויף דער עדה יידן, אז דאס בלוט האט זיך זיי געגומען גליווערן. דאס ברומען פון דאווענען האט אויפגעהערט, בלויז דער חזן איז נאך פארבליבן אין זיין עקסטאז; דערנאך האט אויך ער עפעס אומרואיק אויסגעדרייט דעם קאפ און דאס זמרל איז אים אפגעשטארבן אין האלז.

— האלט! — האט דער אפיציר א געשריי געטון. דאס מיליטער איז געבליבן שטיין ווי איינגעפרוירן. די שטעכעדיקע לענג האט געגרייכט פון דעם בעלעמער, האט פארשטעלט די דורכגענג, און דער שול־הויף האט אפגעהילכט מיט דעם שאל פון די הינטערשטע רייען, וואס האבן זיך געצויגן אין בית־מדרש און אין הקדש אריין. דעם שמש האט מען געקענט זעען פון פארנט ביי די פלאמיקע אנפאלער.

— פארוואס שטערט אונז אייער עקסעלענץ אין אונזערע תפילות צו גאט?

דער עולם האט געפילט ווי זיין ווירדע קערט זיך אום צוריק. ווער וואלט עס געגלויבט, אז דער רויטער יהודה וועט זיך פארמעסטן אויף אט אזעלכע רייד מיט אזא מוט? אפילו דער רב איז דאך געבליבן ווי פארשטיינערט, און די דאזאזעס זענען געשטאנען שטום, א ווארט נישט ארויס־צו רעדן. בן־עמרם אליין, זייער פירשפרעכער ביי דער רעגירונג, וועמעס טלית איז געווען באצירט מיט א זילבערנע עטרה, איז געבליבן שטיין שטיל, זיך נישט צו רירן, ביי די זיילן פון ארון־קודש, גלאצנדיק אזוי אויפן מוטיקן שמש.

— קודם־כל פארן ייגלס בלוט!

די ווערטער האבן אפגעקלונגען מיט מיליטערישער פרעציזקייט, און דעם רעדנערס פערד האט געטופעט מיט א פאדערשטן פוס, ווי אומגעדולדיק אויסצופירן א באפעל. די יידן זענען געווארן בלייך, און די יידינעס האבן זיך געבראכן די הענט.

— אוי, וויי איז אונז — האבן זיי גענומען קלאגן.

— וואס פאר א ייגל, וואס פאר א בלוט? — האט דער שמש ווייטער געפרעגט אן מורא.

— מאך נישט קיין אנשטעל, דו לידאק! ווייסט גאנץ גוט, אז א קריסטלעך קינד איז נעלם געווארן.

אנגערעגט פונם שמש, האט דער זקן דער רב אויפגעהויבן א ציטערנדיקע שטימע.

— מען וועט זיכער באלד געפינען דאס קינד — אויב ס'איז בכלל פארפאלן געווארן, — האט ער מיט ביטערן סארקאזם צוגעלייגט. — אייער עקסעלענץ קען דאך נישט פארלאנגען דעם ייִנגלס בלוט פון אונזערע הענט כל־זמן אייער עקסעלענץ האט נישט פעסטגעשטעלט, אז מען האט עס טאקע כאַרגאַסן.

— דו מיספארשטייסט מיך, אלטער הונט. מאַכסט בלויז אן אנשטעל, דו אלטער פוקס. דעם קינדס בלוט געפינט זיך דא. איר האלט עס אין אייער סינאגאגע דא, און איך בין געקומען עס נעמען.

— דער שמש האט זיך הויך צעלאכט. — א, אייער עקסעלענץ!

די שול, היסטעריש אנגעצויגן, האט אויפגעכאפט די אנשטעקונג פון פרייליכער אויפהייטערונג. אלע ווינקעלעך האבן אפגעהילכט מיט כאַדנעם געלעכטער.

— עס איז דא נישטא קיין שום בלוט אין דער סינאגאגע, עקסעלענץ, — דערקלערט דער רב, מיט הוינקענדיקע אויגן, — אחוץ דאס בלוט, וואס פליסט אין אונזערע לעבעדיקע אדערן.

— מיר וועלן זעען. דערלאנגט מיר די פלאש אונטערן ארון־קודש.

— דאס! — האט דער שמש געשמייכלט, כמעט שוין אביסל העזהדיק. — דאס איז קידוש־וויין, רויט ווי מיין בארד.

— הא, הא, קידוש־וויין — האט דער עולם נאכגעזאגט מיט פרייליכן געברום, און פון דער ווייבערשול איז דערגאנגען א געמורמל פון אויפקלערן דעם ענין איינער פאר דער אנדערער.

— מיר וועלן זעען — האט דער אפיציר איבערגעחזרט מיט אייזערנער רואיקייט, און דאס פרייליכע געמורמל איז אפגעשטארבן אין קאלטן חלשות־הלב, וואס האט עפעס אנגעזאגט א שרעק פון טייוולאנישער מסירה, פון עפעס א מכלומרשטער אנטדעקונג, וואס וואלט איבערגעענטפערט דאס יידישע געסל צום שגעון פון כאאטישע קרעדיטארן און אפילו צו דער נקמה פון געזעץ.

דער אפיציר האט גענומען רעדן נאך העכער. — זאל קיינער נישט בארלאזן די סינאגאגע, נישט קיין מאן, נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד. טאמער פרובירט עמיצער צו אנטלויפן, ווערט ער דערשאסן.

דאס געיאמער פון פרויען האט אראפגעהילכט כון אויבן, נאר ער האט רואיק געפירט זיין פערד איבערן דורכגאנג צום ארון־קודש; די רוישיקע פאדקאווס האבן געטרעטן יעדן איינעם איבערן הארץ. אראפגעשפרונגען פונם זאטל, האט ער אויפגעעפנט דאס קליינע שענקל אונטער די ספרי־תורה און ארויסגענומען א פלעשל, שרעקלעך רויט.

— קידוש־וויין, הע? — האט ער בייז א זאג געטון.

— וואס דען, אייער עקסעלענץ? — האט מוטיק אים אפגעענטפערט דער שמש, וועלכער האט אים נאכגעפאלגט.

— אווילד געלעכטער האט אויסגעבראכן אויפן אפיצירס ליפן. — נו, טרינק זשע אביסל דערפון!



בשעת דער שמש האט גענומען ס'פלעשל, מיט א צי פון די אקסלען אן מורא, איז יעדעס אויג געווען פיינלעך אנגעשטרענגט אויף אים, אחוץ אין דער ווייבערשול, וואו אסך יידינעס האבן זיך פארדעקט דאס פנים. אלע האבן געווארט מיט איינגעהאלטענעם אטעם.

דער רויטער יהודה האט גענומען א שלוק, נאך אלץ ארויסווייזנדיק א פריילעך, אומגלויבלעך פנים. ער האט אבער באלד גענומען מאכן שרעקלעכע גרימאסן, און אויפגעהויבן די הענט צום הימל. לאזנדיק פאלן דאס פלעשל, און מיט א הייזעריק געשריי, „זיי דיך מרחם, גאט אין הימל!", איז ער אנידערגעפאלן פארן ארון־קודש, שוימענדיק פארן מויל. ס'איז געווארן א קאלושע פון דער רויטער פליסיקייט.

— שמע ישראל! — א רוי אויסגעשריי פון פחד האט זיך ארויסגעריסן פון אלעמען ארום, און נאך שארפער אפגעהילכט אויבן אין דער ווייבערשול. אלמעכטיקער גאט! ס'איז זיי געלונגען, די שונאי־ישראל, זייער טייוולאניש שפיצל. איצט האבן שוין די מענער אנגעהויבן שרייען, ברעכנדיק זיך די הענט.

— אוי, וויי, געוואלד! דער רב האט געציטערט ווי געלעמט. — דער שטן! דער שטן! — האט ער געפלאפלט דורך די ציין.

ענדלעך האט בן־עמרם זיך א ריר געטון, און זיך אריבערגעבויגן איבער דער רויטער פליסיקייט.

— עקסעלענץ, א סאלדאט דארף דערקענען בלוט! — האט דער דאקטאר רואיק געזאגט.

דעם אפיצירס פנים איז אביסל מילדער געווארן, געוויזן א סימן פון א שמייכל.

— א סאלדאט דערקענט וויין אויך, — האט ער געזאגט, א צי טוענדיק מיט דער נאז. דער ריח פונם קידוש־וויין האט באמת צעמישט די נענטערע צושויער.

— אייער עקסעלענץ האט אנגעווארפן א שרעק אויף יהודהן נעבעך, אז ער האט באקומען אן אפאל, — האט דער דאקטאר דערקלערט, אויפהויבנדיק דעם שמשס קאפ מיט דער לאנגער רויטער בארד.

זיין עקסעלענץ האט א צי געטון מיט די אקסלען, ארויפגעשפרונגען אויפן זאטל, און באפוילן צוריקצוציען זיך. נישט קענענדיק זיך אויסדרייען דורכן דורכגאנג, האבן די קאזאקן מיט מי זיך צוריקגעצויגן הינטערווייליך, קלאפנדיק און שטעלנדיק זיך דיבאם און טראסקענדיק, אבער איידער נאך דער עולם האט באוויזן זיך אויסצורייבן די אויגן, זענען שוין די קוטשמעס מיט די נאגייקעס געווען פארשוואונדן, און בלויז דער סמאלע־ריח פון זייערע שטיוול איז איבערגעבליבן אלס א סימן, אז זיי זענען דא טאקע געווען. א מינוט איז א טיפע שטילקייט געהאנגען ווי א שווערע כמארע, דערנאך האבן קולות אויסגעבראכן התלהבותדיק.

אבער נאך העכער האט געקלונגען בן־עמרם'ס קול. — ברידער יידן! — ער האט זיך אויפגעהויבן פון אפווישן די שוימענדיקע ליפן פון דער געטראפענער בריאה, און זיין פנים האט געהאט די מראה פון א פייערדיקן חוזה,

און דאס געוויש איז אפגעשטארבן אונטער זיין אויפגעהויבענער האנט. — ברידער ייִדן, דער רבונו־של־עולם האט אונז מציל געווען!

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם! — האט דער רב אנגעהויבן, און דער גאנצער עולם האט עס אונטערגעכאפט מיט דונער.

— נאר הערט קודם־כל וויאזוי. נעכטן ביינאכט ביים סדר, ווען איך האב אויפגעמאכט די טיר פאר אליהו הנביא, איז מיימאן דער משומד אריין! ער האט עס זיך אנגעטרונקען מיט אליהוס כוס!

מען האט גענומען ווארטשען קללות.

— א שיינער אליהו הנביא! — האט דער רב געזאגט בקול־רם.

— יא, נאר דער רבונו־של־עולם שיקט שוין דעם נביא פון דער גאולה אפטמאל מאדנע פארשטעלט, — האט דער דאקטאר געזאגט. — הערט, א המון שכורים האבן נאכגעיאגט מיימאנען, נישט וויסנדיק, אז ער איז אן אפטריניקער פון אונזער מחנה. דערזעען ווי איך האב אים געראטעוועט פון זייערע הענט און אים פארבאנדאזשירט דאס פארבלוטיקטע פנים, ווען ער האט געזעען דעם געגרייטן פסח־טיש, האט די נשמה פון זיינע קינדער־יארן זיך אומגעקערט צו אים, און מיט טרערן האט ער זיך מתוודה געווען פאר מיר פון דעם טייוולאנישן פלאן קעגן אונזער קהלה, אויסגעפוקט דורך אים מצד געוויסע טייוולאנישן פלאן קעגן אונזער קהלה, אויסגעפיקט דורך אים מצד געוויסע ווענן א פארלוירן געגאנגען קינד, האבן זיי אפגעמאכט, אז מען זאל דאס בלוט געפינען אונטער אונזער ארון־קודש. און בשעת איר האט אייך אזוי אויסגעשפרייט מיט שמחה אויף אייערע היסב־בעטן ביים סדר טיש, האט מען דא אוועקגעשטעלט א פלאש בלוט אויפן ארט פונם קידוש־ווייך, ווי א באמבע וואס וואלט אויפצורייסן און אונז אלעמען צו פארניכטן, חלילה.

א ציטער איז אדורך איבער דער גאנצער שול.

— אבער דער שומר ישראל, וואס לאזט אונז שלאפן אין דער סדר־נאכט אן קריאת־שמע לייענען, שלאפט אליין נישט און דרעמלט נישט. מיימאן האט אונטערגעקויפט דעם שמש, אז ער זאל אים לאזן אריינגיין אין שול און אויסבייטן דעם קידוש־וויין.

— דער רויטער יהודה! — עס איז געווען ווי דאס געברום פון צען טויזנט טיגערס. א טייל האבן אפילו פרובירט זיך ווארפן אויף דעם מנוול אין קראמפן.

— צוריק, האלט אייך צוריק! — האט בן־עמרם גערופן. — גאט אליין האט אים שוין מקיים פסק געווען.

— לי נקם, אמר ה׳! — האט דער רב מיט ערנסט ציטירט.

— הללויה! — האט געשריגן א משוגענע פרויען־שטימע, און „הללויה“ האבן די מענער מיט דונער אפגעענטפערט.

— דער רויטער יהודה האט נישט געהאט קיין ריכטיקן בטחון אין דעם גאט פון ישראל, — האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט.

— זאל ער זיין א שיינע ריינע כפרה פאר אונז אלע! — האט דער חזן אים איבערגעריסן.

— אמן! — האט דער עולם נאכגעברומט.



— פאר הונדערט רובל און א צוזאג, אז אים וועט קיין שום שלעכטס נישט געשען, האט דער רויטער יהודה געלאזט מיימאן דעם משומד אויסבייטן די פלעשער בשעת כל־ישראל זענען געזעסן ביים סדר. עס איז געווען בעת דער המון האט געזעען ווי דער משומד גנבעט זיך ארויס פון שול זענען זיי אים באפאלן, מיינענדיק, אז ער איז א פרומער ייד. זעט, מיינע ברידער, וויאזוי דער אלמעכטיקער גאט וועבט זיינע פעדים צוזאמען. נאך דעם ווי דער חוזר־בתשובה האט זיך אויף אלעם מתוודה געווען פאר מיר, און מיר דערקלערט וויאזוי מען האט געזאלט שיקן די קאזאקן צו פארנעמען די גאנצע קהלה דא הילפלאז פארזאמלט אין שול, האב איך עס געהאלטן פאר ריכטיק, אז אמבעסטן וועט זיין ווידער אויסצובייטן די פלעשער. אין דער פלאש איז געווען בלויז אקסן־בלוט, אבער ס׳וואלט געניגט משוגע צו מאכן די מאסן. אזויווי ס׳איז מיין כבוד צוצושטעלן קידוש־וויין, איז עס געווען גאנץ לייכט צו געבן מיימאנען אן אנדערע פלאש, און באוואפנט דערמיט האט ער באגינען אויפגעוועקט דעם שמש, מאכנדיק אן אנשטעל, אז איצט האט ער אמתדיק מענטשלעך בלוט. מיט דער הילף פון א קערבל האט ער ווידער באקומען די שליסלען, און ווען ער האט מיר אפגעברענגט דאס אקסן־בלוט, האב איך דערוואַרט דעם פועל־יוצא בשלום.

— הודו לה׳ כי טוב, — האט דער חזן א זינג געטון מיט ברען.

— כי לעולם חסדו, — האט דער עולם אינסטינקטיוו אונטערגעכאפט.

— עס איז מיר נישט איינגעפאלן, אז דער שמש וועט מיט אזא חוצפה זוכן צו פארדעקן זיין שולד, אדער אז ער וועט זיך הייסן געבן צו טרינקען נאר ווען דער עוכר־ישראל האט גענומען די פלאש צו די ליפן. דערוואַרטנדיק טועם צו זיין בלוט, און געפונען, אז ס׳איז גאר זיסער רויטער וויין, האט ער מסתמא גלייך דערפילט אז דער גאט פון ישראל איז טאקע אין הימל, אז ער האט באוויזן א נס און פארקערט דאס בלוט צו וויין.

— דער רבונו־של־עולם האט באמת באוויזן א נס, — האט דער רב אויסגעשריגן, אנכאפנדיק דעם דאקטאר ביי דער האנט, בעת די גאנצע שול האט אפגעהילכט מיט „א יישר כוח אים“ און די ווייבערשול האט אים באווארפן מיט הייסע ברכות און גוטע וואונטשן.

— וואס פאר א וואונדער, — האט דער דאקטאר פארענדיקט, בעת ער האט זיך ווידער אריבערגעבויגן איבער דעם טויט־בלאסן קאפ, מיט די פרומע פיאות, וואס האבן זיך געווארפן אין קראמפן ווי רויטע שלאנגען, — אז ער איז אנידערגעפאלן, געטראפן פון אלמעכטיקנס צארן!

און בשעת מען האט ארויסגעטראגן די קאנוואולסיווע פיגור פון שול, האט דער חזן גענומען גומל בענטשן. דערנאך פריילעכע זמירות, אונטער דער באגלייטונג פון די משוררים מיט זייער „פאם פאם“! די גאנצע שול האט אנגעהויבן אטעמען מיט פריידיקער האפנונג. די יד חזקה און די זרוע נטויה, וואס האט אויסגעלייזט דאס פאלק ישראל פון דער קנעכטשאפט אין מצרים, איז נאך אלץ אויסגעשטרעקט איבער זיי. און אליהו הנביא וועט נישט אייביק זיך זוימען אנצוזאגן צולעצט דעם משיח.

ייִדיש א. אלמוג

## אלגא סומך - פיליפס

## ישראל זאנגוויל און סאלאמאן י. סאלאמאן

א צייט־אפשניט פון בלויז פיר יאר טיילט אפ די הונדערט יאר זאנגוויל פון די הונדערט יאר סאלאמאן י. סאלאמאן, דעם צווייטן ענגליש־יידישן קינסטלער, מיטגליד פון דער קעניגלעכער קונסט־אקאדעמיע, געבוירן אין 1860.

זער אינטערעסאנט זענען די פרטים פון דער פריינטשאפט צווישן אט די אזוי פארשיידנארטיקע פערזענלעכקייטן, וואס בנוגע זייער הינטערגרונט אין וועלט־אנשויאונג און גוסטן זענען זיך געווען העכסט ענלעך.

דער מאלער קען מען באצייכענען ווי א מענטש פון גרויסער עלעגאנץ און קולטיווירטקייט, מיט פיינער באנעמונג און דערציאונג, וואס האבן פאר אים אויפגעעפנט די טויערן פונם עקסקלוזיוון אנגלא־יידנטום, נישט צו רעדן פון זיין קינסטלערישן טאלענט. סיי אין קונסט סיי אין לעבן, זענען זיינע גוסטן געווען אוניווערסאל. אין יאר 1894 האט ער געמאלן אזעלכע צוויי בארימטקייטן, אזוי אומענלעך איינס דעם אנדערן, ווי זיין גרויסן פריינט ישראל זאנגוויל, דעם שרייבער, און מרס. פאטריק קאמבעל, די גרויסע אקטריסע אין אין ראלע פון „פאאולא טאנקערארי".

זאנגוויל און סאלאמאן זענען געווען פון די מיטגרינדער פון דעם בארימטן קלוב פאר יידן אין די פרייע פראפעסיעס, „די מכביים", וואס זאנגוויל, מיט זיין בייסנדיקן שארפזין, האט פארגעשלאגן, אז מען זאל דעם קלוב א נאמען געבן „די מאזאאיקעס". אט דער הומאריסטישער נאמען האט ביי אסך מענטשן זער אויסגענומען מחמת זיין הומאר און זיין יידישן רמז. אבער ביי „די מכביים" איז עס פארבליבן ביזן היינטיקן טאג.

זאנגוויל האט זיך באטייליקט אין דער סאמע ערשטער פארזאמלונג דעם 30סטן סעפטעמבער, 1891, אין די געשעפט־צימערן פון אן אנדערן גרויסן עקסצענטרישן כאראקטער, הערמאן קאהען, דעם אדוואקאט.

נאך ד״ר טעאדער הערצלס טויט אין 1904 האבן זאנגוויל און סאלאמאן מיטגעארבעט אין דער יידישער טעריטאריאליסטישער ארגאניזאציע (איט״א) מיטן צוועק צו באקומען אונגאנדא, מזרח אפריקע, פאר יידן.

אין 1921 געפינען מיר ווי סאלאמאן פאררופט זיך אין א בריוו אויף זאנגווילס בוך, „די שטימע פון ירושלים": „לויט מיין מיינונג איז עס דער בעסטער ענטפער בכלל געשריבן קעגן דער אגיטאציע מצד שונאי־ציון אויף יידן. „. . . זייענדיק אין בריסל, האב איך נישט געקענט איינשלאפן אין דער נאכט פון וויינאכטן דורך די שכורים מיט זייער געשריי, ווי זיי האבן זיך משמח געווען מיט משקה און שליקערצן. אה, האב איך מיר געטראכט, ווי צוויי טויזנט יאר זענען אוועק אויף ניוועטש".

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"**



## א. נ. שטענצל

## דאס מלחמה - יאר 1914

1

ניינצן הונדערט און פערצן, אין די דריי וואכן פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איך בין דעמאלט אין דער ערשטער העלפט פון מיין אכצנטן יאר; א געקעכלט בן־זקונימל נאך, וואס ווערט אבער, מיט מזל, שוין ראוי לחופה . . . א צייטיק ווערנדיק לעבן, וואס איז נאך לגמרי נישט צוגעגרייט פארן קאמף פון לעבן; אן שום געניטקייט און אן מינדסט געצייג צומאל פון דער פרימיטיווער „קאסטע", אפילו צו וועלכער איך געהער מיט אמאל אינסטינקטיוו דערפיל איך עס מיט א שרעק, מיט אן אומבאוואוסטקייט, מיט א בלינדער טאפעדיקייט ארום מיר און אין מיר, אבער עפעס מיט אזא מין זיכערדיקער פרייד, צו מאכן אויף אייגענער האנט דעם ערשטן אנהייב.

ביים איינ־צעל־נעם קערפער, ווי אין־גרויסן־און־גאנצן, זענען דא צייטן, וואס די געשעענישן גייען שנעלער, איילִיקער, זיי יאגן מיט א ווילדן טעמפא ערגעץ אהין — עס ווערט עפעס צייטיק, ווי אן עפל פון בוים אראפצופאלן! ווייסט דער עפל רואינדיק אזוי אין זיין פליישיקער זיסקייט, פוילנדיק אזוי אין אן איבערגעוויייעטן שיכט־ערד, אז ר'וועט אפשר אויפגיין אין אזא בוים ווי דער, אויף וועלכן ער אליין האט געהאנגען און טראגן אזעלכע עפעלעך ווי ער אליין איז? . . .

צוזאמענגענומענע כחות זענען פאראן אינם פאל־אראפ, און נאך גרעסערע נעמען זיך צוזאם צו געבן א שפרונג אריבער. זיי מוזן גיין ציטערדיק אפאר שריט אויף צוריק. זיי מוזן אבער אויך זיין זיכער צו וואגן א שפרונג.

דאס אכצנטע לעבנס־יאר ביים מענטש איז דער שטרויכלשטיין, דער גרענעץ־שטיין אריבערצושפרינגען — פון זיך ארויס אין דער וועלט אריין; ס'איז דער סאלטא־מארטאלע, דער געלונגענער ווי חלילה דער נישט־געלונגענער.

דער שפרונג 1914־1918 איבערן תהום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה! מיליאנען אויסגעשולטע צום קאמף, באוואפנטע מיטן לעצט־דערפונדענעם מארד־געצייג, שטייען גרייט און מיט פרייד איינער קייגנאיבער דעם אנדערן זיך צו טייטן. ווייסן די מאנארכן פון ביידע זייטן, אז דאס איז זייער לעצטער שפרונג אין טויט? אבער ביי זייערע אונטערדריקטע פעלקער זאמלען זיך אומבאוואוסט זייערע אויסגערוטע כוחות, און דער רוסישער ארבעטער, וואס האט גארנישט צו פארלירן, דערשפירט זיין לעצטן שאנס . . .

אפילו מיר, די אונטערדריקטע פון די אונטערדריקטע, אין געטאס אליין זיך פארשפארטע, אין תחום־המושב געזעצטע און אויסגעזעצט יעדן צילנדיקן שטיין — שטייען אויך נישט אפ! אין אלע ברויזנדיקע שטראמען מיטאריינגעצויגן און אויסגעמישט, ציט זיך אבער א שטראמל מיט א גראד רויטער.

די אויסגעבראכענע ערשטע וועלט־מלחמה, אן אוואנטורע, אן אויסגעבראכענע ווילדע שדים־פרייד — יונגע מענטשן ווערן באפרייט פון צוימען זייערע לײדנשאפטן, זייערע אינערלעכע ליידן, זייערע אינדיווידועלע ראנגלענישן און ווערן אריינגעווארפן אין אין בציבורדיקן העלדן־געראנגל; דאס גיין אום־

באוואוסט מיט געזאנג צום גרויסן מולך־אפפערן ערב יום־טוב פון דער רוסישער רעוואלוציע, פון באפרייטן פוילן, פון דער באלפור־דעקלאראציע — —

און דאס אלץ אויפנעמען מיט קאפ, פארשטיין, מיט הארץ דארף מיט איינמאל דערפילן א פריטשמעליעט טשעלעדזשער דארף־בחור אקארשט געקומען אין א גרויסער שטאט אריין, וואס בלייבט נאך שטיין פארבליפט פאר א פירשטאקיקער קאמעניצע, פארגאפט פאר אן עלעקטריש־באלויכטענעם וויסטאווע־פענסטער, און גייענדיק אין בית־מדרש אריין, פארפלאנטערנדיק זיך אין די געסלעך, קען ער זיך נישט אויס אין די גויאישע אותיות צו קענען לייענען דעם נאמען פונם געסל, כדי צו וויסן וואו ער געפינט זיך.

די יארן 1914־1915, מיין אכצנט לעבנס־יאר, זענען פאר מיר נישט נאר געווען א שפרונג אין ליידיקן, אין כאאס, עס איז געווען א תוהו־ובוהו־יאר — עס האט זיך געשאפן פאר מיר א שפאגל־נייע וועלט: כאמעלעך, פאמעלעך האב איך אנגעהויבן צו שפירן די פאפירענע בריק פון אונזער יידישער ליטעראטור.

נישט קיין צו גענייטער, קיין ריכטיק אויסגעלערנטער שווימער, מיך ארייגווארפנדיק קאפ־איבער אינם טיפן ים־התלמוד, טאפיענדיק, שיער נישט אונטערגייענדיק אין די צו שטארקע כוואליעס, קלאפטער לייגנדיק מיט התלהבות־יוגנטלעכער, אבער אין גרונט גענומען שוואכלעכע כח׳ות, אייגן גלאצנדיק, פרום־דבקותדיק, טובלענדיק אינם ווילדן שפרודל פונם סאמע תהום, האב איך מיך מיט א מאל דערזען אויף דער פאפירענער בריק, די לעגענדאריש אויסגעחלומטע, די אריבערגעווארפענע איבער סמבטיון אויף דער אנדערער זייט ברעג, צום גן־עדן התחתון — אויף דער פאפירענער בריק פון אונזער יידישער ליטעראטור . . . און אלץ איז געווען און געשעען ממש ווי אין א חלום. אן עלעקטרישער פונק אריבערגעשפרונגען: ווייס ווער וועלכעס ס׳איז דער נעגאטיוו, וועלכעס דער פאזיטיוו? שעפערישער כוח האט ביידע נויטיק . . .

און איז דען נישט דאס בריקל איבער דער ווארטע, דאס קליינע בריקל דירעקט פאר די פענסטער פון טשענסטאכאווער בית־המדרש, — וואס איך זע עס נאך אין מיינע ווילדע חלומות, — ווי דער סימבאל פון דער אגדתא־גאולה בריק? די לעגענדע־בריק צום באחרית־הימים . . .

הונדערט און איינמאל, טויזנט און איינמאל, האבן מיר זיך געדרייט אויף דעם בריקל, אריבער דאס בריקל און ווידער צוריק און געבליבן שטיין געבויגן איבערן פארענטש פונם בריקל. דיסקוטירט, גערעדט, געהאמפערט זיך, געראנגלט זיך; אין די פארנאכטן, אין די באגינענס און גאנצע טעג; הענעכל, דודל, וועוועטשע, דער לאמער סטודענט, יאנקל, לאזער פלאצקער — דער איינציקער, וואס האט שוין „געהאט“ דעמאלט א ביינאמען! דיסקוטירט, ציטירט, רעציטירט.

און מיינע אויערן — דער מטושטשער גמרא־און תהלים־ניגון, דאס קדושה און ברכו־זאגן פונם בית־מדרש, מיט די קוים־אויפנעמענדיקע זשיטלאווסקי־ און פרץ־זאגן, מיט מאריס ראזענפעלד־און ביאליק־ליד ווערן איינס — איך וויגנדיקע חלום־בריק אונטער מיינע האקלדיקע פיס, אין רעגנבויגן ליכטיק געשפאנט איבער די טונקלנישן אין מיין קאפ; שטראלן־פעדימלעך בלוי־ווייסע,



שארלעך־רויטע וועבן זיך אינם גרוי־שווארצן געצייג, אונזער מלאך־הגואל טלית, וואס איך טראג אים אזוי יינגלדיק שמחת־תורה איבערן קאפ.

צו זעצן מיך מיט התמדה ביי דער גמרא אין בית־מדרש, האב איך געזען וועט קיין גרויסע פעולה נישט האבן; תמיד וועט זיך שוין געפינען ווער, וואס זאל אנהייבן א שמועס, ארויספירן אויף א שפאציר און צום ריכטיקן וועט עס נישט קומען.

לאזער פלאצקער און יאנקל טורנער פלעגן מיך אויך, ווי כלומרשט צופעליק, אפווארטן אין בית־מדרש־געסל, אנהייבן א שמועס, ווייזן מיר די העברעאישע קליינע ספרימלעך, וואס זיי האבן תמיד געטראגן אונטער די פאכוועס. אבער נישט זיי האבן מיך אינטערעסירט און נישט די ספרימלעך — עס האבן געפעלט די גלאנציק אויסגעשניטענע הערצעלעך אויף די טעוועלעך... וועוועטשען וואלט איך שוין יא געוואלט זען! תמיד אין ראג ווען כ׳האב זיי דערזען, האט עס מיר געגעבן א ציק אין הארץ: אפשר איז וועוועטשע אויך דא? אבער ער איז נישט געווען. אויך דער לאמער סטודענט האט זיך נישט מער געוויזן, און דוד ריכטערס פלאץ אין בית־מדרש איז אויך געווען ליידיק.

האב איך מיך געזעצט לערנען אליין אין שטיבל, רייסט זיך איינמאל אויף די טיר און א בחור מיט ווילדע, מיט צעשויבערטע פאות לויפט אריין מיט א משוגע־געשריי: „ביי א קטנה האב איך שוין געזען, ביי א גדולה מיט שערות ווי זעט עס אויס?“ איך בין קוים מיט שרעק ארויס פון שטיבל, אפן געלאזן די טיר און אנטלאפן. דאס איז געווען אן ארעם־בחור, וואס האט געגעסן טעג און געלערנט אין דער ישיבה, און אין אזא הייסן תמוז־טאג איז ער אראפ פון זינען.

וויאזוי ראטעוועט מען זיך? מ׳קאן דאך באמת משוגע ווערן! איך זע שוין נישט דעם אריינגעלאפענעמס ווילדע אויגן, נאר שוין מיינע ווילדע, ארויסגעזעצטע. פארביגייער שטויסן זיך אן אין מיר, קוקן מיר נאך. כ׳דריי מיך שנעל אריין אין א צווייט געסל און קום ווידער צוריק ארויס אויפן אלטן מארק.

פאר עמנואל בייגעלעס פענסטער בלייב איך שטיין, לייענענדיק די קעפלעך און די אונטערקעפלעך, די נעמען פון די קאפיקדיקע מעשה־ביכלעך ביז איך שטויס מיך אן: „ראבטשיק א יידישער הונט“ פון שלום עליכם, און הייב ווייטער אן צו לויפן, ווי ס׳וואלט מיך טאקע עפעס א הונט גענומען נאכיאגן . . .

אהיימקומענדיק, זענען אלע שוין געזעסן ביים טיש און געגעסן! אפגעבענטשט, זאג איך צום טאטן, ווי ענטפערנדיק אים ווי אויף עפעס וואס ער זאל אקארשט האבן דא ארויסגערעדט: „דא האב איך דאך אייך א שטוב מיט שאנק ספרים . . . איך וועל מיך אנידערזעצן ביים זיידנס טישל ביים פענסטער און כ׳וועל לערנען“.

דער טאטע האט געשמייכלט. ער האט געוואוסט, אז דאס באציט זיך אויף זיינע ווערטער שבת בשעתן שפאציר, אז „מ׳דארף נאר האבן די ריכטיקע תשוקה“ און אזוי ווייטער. ער וואלט מיר געהאט וואס צו ענטפערן, אז אויף „קעסט“ לערנט זיך אנדער, מ׳איז אויסגעטון דעמלט פון „אנדערע“ רעיונות . . .

אבער נישט דא אין געגנווארט פון דער מאמען און פון צימעלען בשעת זיי גרייטן שוין צו דעם טיש צו זייער ארבעט, איז דער פלאץ אויפצואוויקלען דעם שבתדיקן שמועס פון הראוי לחופה, און ער האקט אפ: „אבער פארלאז דיך נישט אויף מיר. דו זעסט דאך איך בין א פועל... א שכיר יום ביי דער מאמען", קוקט ער מיט א מין ליבלעכקייט אויף דער מאמען און דער שמייכל צעלייגט זיך אים צוריק אין דער ברייטער הדרת־פנימדיקער בארד. איך האב מיך שנעל אפגעטראגן...

איך בין אריינגעגאנגען אין דער שלאף־שטוב אריין: יא, איך וועל אנהייבן מיט סדר נשים... די מסכתות זענען מיר נישט פרעמד... כ'וועל אנהייבן מיט קדושין... מסתם איז אויך א פעולה... „דריי יאר ביז מיין חופה האב איך אדורכגעארבעט גאנץ סדר נשים מיט אלע מפרשים", ווי דייטלעכער נאך האט דער טאטע עס געקענט זאגן? „תורה מגינה ומצילה".

כ'האב ארויסגענומען די גרויסע „אויסגעלערנטע" זשיטאמירער גמרא, אנידערגעלייגט דעם „מקנה". ארויסנעמענדיק דעם „מקנה", דעם „הייליקן מקנה", ווי דער טאטע האט אים גערופן, האב איך געפילט, אז דאס פלפול־ספר קאן נישט נאר אלע שווערע קשיות אין דער גמרא מיר ענטפערן, נאר אויך אלע שוועריקייטן אין מיר... אלע צעריסנקייטן גאנץ מאכן!

דרויסן איז געווען א ברענענדיקער תמוז־טאג. די זון־באגאסענע קראטקע־גאס איז געווען ליידיק. קייגנאיבער די אמאליקע קאזארמע, דאס לאנגע הויז מיטן סמאלע־דאך, האט זיך געפרעגלט אין דער חמימה. מיין שטיל־דבקהדיקן גמרא־ניגון האט כריפעדיק באגלייט דאס שווערע זעגן פונם טארטאק, וואס איז געווען אין צווייטן טויער פון אונזער הויז טיף אריין אין א הויף דארט. דאס קלינגלען פון די שניידמעסערס, דאס קלאפן פונם מאטאר, האט ווי אנגעהאלטן און אונטערגעטריבן דעם ריטם פון מיין ניגון, און איך האב מיך געפלייסט אים נישט איבערצורייסן.

עס איז געווען היים, דושנע. איך האב געשוויצט, דער תוספות איז געווען שווער... אבער דרינען דער טאטע, די מאמע ביי די קרעלן, צימעלע ביים גראנירן האבן עס לייכטער? אין די קינדער מיט די אויסגעקרומטע פיסלעך ביים מאלן די ליאלקעלעך אויפן הויף אין קעלער? איך האב נאך מיט מער התמדה פארקוועטשט די אויגן אין דבקותדיקער געצויגן דעם ניגון: „מילא, איז דאך ווידער אלץ גוט — תוספות קשיא איז דאך באווארנט..."

דער טאטע אין קיך, צעקנעפלט ס'כאלאטל, דאס קאפל הויך אויפן שטערן פאררוקט, ציט די קרעלן און גייט נאך מיין זינגענדיקן ניגון. ער הערט ווי איך באווארן דעם מהרש"לס א ודו"ק, ווי כ'טרעף צו דעם „פני יהושע'ס" א קשיא. ער הערט דעם ערנסט אין מיין קול. די מאמע קוקט מיט איין אויג אויפן טאטן און זעט דעם נחת־רוח אויף זיין פנים. צימעלע וואגט נישט די אויגן אויפצוהייבן פון איר ארבעט: זי שפירט אזא זיסע שטילקייט שוועבט איבער דער שטוב... דער ניגון ווערט איבערגעריסן, מען הערט בלעטערן גרויסע, שווערע בלעטער. דער טאטע דערקענט ס'איז „דער הייליקער מקנה"...

איך, פארטיפט, ברום שטיל צו: „לפי זה". ס'קאנען זיך מיינע אויגן פון



גרויס התפעלות גארנישט אנזעטיקן: „לפי זה, איז דאך דער גאנצער ענין קלאר ווי דער טאג". און כ'בלייב זיצן אזוי, הנאהדיק אין דער גאס ארויסקוקנדיק, שטיל מיר צוזינגענדיק, דעם גאנצן שקליא־וטריא דורכן קאפ מיר אדורכלויפנדיק, און זע: א מלאך פון הימל... די מלכה שבא... וואס טוט זיך דא?... ווי שיין, ווי שטיל דער איינגעהאלטענער גאנג... „פעמיך בנעלים", שעפטשען מיינע ליפן... די שריט ווערן נאך פאמעלעכער און די אויגן, ווי זיי וואלטן זיך שנעל אויסגעדרייט: „באחת מעניך"...

איך זיץ ווי פארגליווערט: וואס איז דא געשען, וואס איז דא געווען? איך וויל ווייטער ציען דעם פאדים, איז ער צעריסן. איך פלאנטער מיך אין אים... איך זוך דעם „לפי זה" אינם „מקנה", איך געפין אים... שטייט די מלכה שבא אויפן „הייליקן מקנה", מיט אירע פיסלעך גייט זי אזוי פאמעלעך, פאמעלעך איבער דער גאנצער זשיטאמירער גמרא... זי גייט אים אפווארטן אין דער חורבה... ס'איז לילית! פאל איך צו דער גמרא מיט א דערשטיקט געוויין און העשע די צוויי איינציקע ווערטער, וואס איך געדענק: „תורה מ'גראשן, תורה מ'גראשן"...

עפעס האט מען דאך געמוזט הערן אין שטוב. דער טאטע האט שטיל געעפנט די טיר און איז אריינגעקומען. מיך נישט צו איבערראשן? אז די מאמע מיט צימעלען זאל גארנישט מערקן? מיט א הויכן קלאפ האט ער צוגעמאכט די טיר און פאמעלעך צו מיר צוגעקומען. ער האט נאך געמוזט זען די טרערן אין מיינע אויגן, און טאטעדיק ארויפגעלייגט די האנט אויף מיין איינגעציטערטער פלייצע: „ולא עליך המלאכה לגמור... קום, מיר וועלן אביסל שפאצירן און אים אדורכשמועסן. ר'איז שווער איינצובייסן... כ'זע, דו ווילסט דיר עס מאכן לייכט, ווילסט דער הייליקער מקנה אליין זאל עס דיר קומען דערקלערן"... וויל ער הלצהדיק מאכן אן אנצוהערעניש אויף מיינע טרערן.

איך האב, פארשעמט, אראפגעלאזט מיינע אויגן. ביים ארויסגיין איז די מאמע שוין געשטאנען אין דער טיר און מיר געגעבן צוויי פריש־זאפטיקע צייטיקע בירן: „נעם מיט, וועט איר זיך ס'הארץ דערכאפן".

גייענדיק איבער דער קראטקער גאס, — וואס איז שוין געלעגן האלב אין שאטן, ווייל איך האב געמוזט לערנען אזוי א פיר־פינף שעה, — צו די וואלעס צו, זיך ארייינצודרייען צווישן די גערטנער, האט דער טאטע, מסתם מיך אריינצופירן אין אן אנדערער שטימונג, מיר געוויזן: „זעסט, דאס איז האראוויטש־איצקאוויטשס קייטן־פאבריק; איצקאוויטש, דעם אלטן ר'דודלס א זון".

אויפן גרויסן, אפענעם פלאץ טיף אין הויף אריין זענען געשטאנען געביידעס, שאפעס, וועגענער, ליידיקע און איינגעשפאנטע, גרויסע קוילן־קופעס, אייזן־שטאבעס אויסגעסדרטע אין פארשידענע רייען. איינגעריסטע ארבעטער זענען געלאפן אהין און אהער. פון אלע זייטן א האמער־געקלאפ, א קייטן־קלינגען.

פון הינטער אונז האט זיך געהערט א נאכרופנדיק קול: „ר'בערישל, א מינוט". — און ס'האט זיך באוויזן א בעל־ביתיש געפלעגטער מענטש, „דייטש" אנגעטון, מיט א גילדערנער קייט איבער דער וועסט, אין בלויזן גלאצע־קאפ

און מיט אים איז געשטאנען — גאט, איז עס טאקע נאר א דמיון! א פארבלענדניש! — טאקע דער מלאך פון הימל, די מלכה שבא, א פריילין פון צוואנציק־איין און צוואנציק יאר, שיין ווי די גאנצע וועלט און געקוקט וואונדערלעך אויף מיר, אויף מיינע פאות, אויף מיין סאמעטענעם הוט און ריפסענעם כאלאט: טאקע דאס בחורל, וואס האט אזוי געצויגן דעם ניגון? . . . זי האט געמוזט זען מיין נשתנה ווערן און זי איז שנעל אריין אין איינער פון די געביידעס אויפן הויף, פארשווינדן ווי א חלום . . .

דער גלאצע־קאפ איז אויסגעדרייט צו מיר, ווי אויף עפעס א „וואונדערטיר“, וואס האט זיך באוויזן אינמיטן העלן טאג אויף דער קראטקער גאס און רעדט זאכלעך צום טאטן: „אייער ברודער האט מיר פאר א שעה צוריק טעלעפאנירט פון זיין ביורא, אז ער זאגט גוט אויף א יאר דירה־געלט פארן קוילן־סקלאד מיט דער דירה“. ער האט זיך אבער דאך נישט געקענט איינהאלטן דאס ווייטערדיקע צו זאגן לאבנדיק; צי מיך אנקוקנדיק, צי פון דעם, וואס די טאכטער האט אים געזאגט — זי איז געקומען צוגיין און אים דערציילט: „גיטל אסתרלס איז געקומען שנעל צו לויפן געבעטן אויפשליסן דעם קוילן־סקלאד און אריינגעלייגט ברויט און זאלץ“.

דער טאטע האט פארשטאנען וואס דא איז געשעען, אבער כדי נישט נשתנה־צורה צו ווערן, גענומען מיטלאכן: „איר זעט, ס'איז דאך גוט צו האבן א רייכן ברודער און א גוטע שוועסטער“. מיר האבן שוין נישט שפאצירט. מיר זענען מיט גיכערע טריט געגאנגען צוריק אהיים.

די זאך דערפון איז אזוי געווען: פארמיטאג איז די מומע גיטל אריינגעקומען מיט א שנעלן באזוך און דערזעען „די היימארבעטער“ ביים טיש. האט זי פארבראכן די הענט אונטערן פארטוך און קוים מיט צרות געקענט איינהאלטן איר: „אוי, א בראך איז צו מיר!“ און ארויסגעלאפן. זי איז אבער נישט צוריק אהיימגעגאנגען. אזוי ווי זי שטייט און גייט, אזוי ווי זי איז אוועק פון מאשעהאניע טיש פון איר געוועלב, — איז דורך די וואלעס, הינטן ארום, דורך דער קראטקע גאס אין איין אטעם געלאפן אין דער ערשטער אלייע אריין אין ביורא פון „רייכן פעטער“, און אין א שעה צוויי איז געווען איבערגענומען דער קוילן־סקלאד מיט אונזער נייער דירה אויף דער ווארשעווער גאס.

ווען מיר זענען אהיימגעקומען, האט די מאמע גענומען קווענקלען: „דיין משפחטערע הייבט שוין ווידער אן“ . . . דאס גוטע שוועסטערל . . . ס'רייכע ברודערל“ . . . אירע בלויע אויגן האבן א גרינלעכן גלאנץ באקומען—א שרעק!

דער טאטע האט מיך אנגעקוקט, ווי איך זאל אים קומען צוהילף, ווי זען אויף וועמעס זייט ס'ליגט דער יושר און גערעדט צו דער מאמען: „הערסט, אין יעקב מאיר'ס משוגעתן האב איך מיך נישט אריינגעמישט, וועל איך מיך אין דיינע אודאי נישט אריינמישן . . . טו ווי דיר געפעלט“ און מיך פעסט אנעמענדיק ביי דער האנט, ווי זיין אויפרעגונג אין דעם פעסטן אננעמען אויסצולאזן: „קום, מיר וועלן גיין אין שטיבל אריין, ס'איז באלד זמן מנחה“.

אין שטיבל האט געקאכט, א טומל א גערודער, אלע ריידן און קיינער ווייסט נישט וואס ער רעדט. איינער אזוי און דער צווייטער דוקא אזוי.



„ווייסעך וואס, די גאנצע מעשה איז נישט ווערט קיין שמעק טאבעק . . . מ'שיסט דארט עפעס א פרינץ איז פיף־פאף“, פיפקעט דער גרויסער ראובן זיין ליולקע ציבעק, קייכט קוים ארויס די ווערטער מיט זיין אסטמע: פאף־פאף.

שרייט דער אייזערנער קאפ, אברהם חנאס, אים איבער מיט זיין שכורלעך געלעכטערל: „די גוים, זיי ווארטן דאך נאר אויף א שטיקל געשלעג, זיי קוקן דאך נאר ארויס אויף א געלעגנהייט . . . עשיו, על חרבך תחיה“.

ביים טיש האמפערט זיך דער אלטער ר'דודל מיט די בחורים: „איך זאג אייך בשעה שהאומות מתרגזות זו בזו תחכה למשיח“. נחמיה, וואס איז אליין שוין געכאפט אין מזרחי, טריצט אים: „ר'דודל, איר זענט דאך שוין א גאנצער ציוניסט, געראטן אינגאנצן אין אייערע צוויי איינקלעך“.

לייבל קאנטער האט גענומען א בחור, געגעבן אים א קאפיקע, ער זאל ארויסגיין קויפן די עקסטרע אויסגאבע: „נעשה ונתזה! דא אין שטיבל זע איך דאך איז די מלחמה שוין טאקע אויסגעבראכן. ווען מען גיט אייך ביקסן אין די הענט אריין, שיסט איינער דעם אנדערן“.

דער טאטע איז געזעסן שטיל. ער האט געהאט זיין פארדרייטן קאפ. ער איז געווען אין א מבוכה. ער איז נאך נישט געווען בארואיקט פון דער אויפרעגונג מיט דער מאמען. איך בין צו אים צוגעגאנגען. ער האט מיך טרויעריק אנגעקוקט, ווי ער וואלט געטראכט: אויפגעשאסן א יונג שוין ראוי לחופה, אז ס'וועט, חלילה, זיין א מלחמה, וועט דאס זיין א סאלדאט . . . און צו מיר זיך אנגערופן: „ווייסטו, זיך אויס אין דעם מקוה? ער שטייט דא ערגעץ. צווישן מנחה און מעריב וועלן מיר אים אדורכארבעטן . . . דער הייליקער ייד האט זיך אויסגעקענט אין דער מלחמתה של תורה“.

איינגעשפאנט אין דער התמדה, אין עול פון תורה און מצוות אין דער טאג־טעגלעכער אקסן־שפאן געווארן אלץ לייכטער. יעדע שעה, יעדע מינוט, איז געווען אויסגערעכנט, איז געווען א שאד צו באלעמוטשען. דער שיעור אין דער פרי אין שטיבל, אין דער היים, כארנאבט ווידער אין שטיבל; דער וועג האצווישן איז געגאנגען אין קאפ איבערצולויפן דאס געלערנטע: „והגית בה יומם ולילה“.

יא, די טאג־שעהן, אבער די נעכט האבן אנגעהויבן צו ווערן די שרעק פון מיינע טעג, ווי כ'וואלט געווען אין די הענט פון שדים און רוחות.

מיין שלאף, וואס איז תמיד געווען א געזונטער, אריינגעלייגט מיך אין בעט אריין, האבן מיך צען קאזאקן נישט געקענט אויפוועקן. כ'בין געשלאפן ווי א געהרגעטער, — אריינגעלייגט מיך אין בעט אריין, געשלאפן אכט־ניין שעה, אויפגעוואכט, און ווי נישט אפילו צו האבן געהאט צוגעמאכט די אויגן — האבן אנגעהויבן ווערן דורכזיכטיקע, דינע, פארשלייערטע, ווי כ'וואלט געלעגן אונטער א פארהאנג. די נעכט האבן אנגעהויבן צו ווערן גאנצע ארגיעס; דאס, וואס בייטאג האט זיך אריינגעפלאנטערט אין מיין לערנען, אויף א רגע, א פארביילויפנדיקער דמיון איז אין מיין שלאף א וואקכאנאליע פון משוגעתן: די מלכה שבא, טאקע די אמתע מלכה שבא, ווי זי גייט איבער דער קראטקער גאס אויף א פאדלאגע פון לויטער גלאז, און אויף א וואגן אין הויף פון דער

קייטן־פאבריק שטייט דער אשמדאי, דער לאבנדיקער גלאצע־קאפ און שרייט אויס: „בכסף ובשטר ובביאה" און ס׳קומען אלע דריי פריילינס א גדולה אייבע אינגאנצן מיט שערות . . . פון הינטן פונם וואלד, פון די גערטנער, הינטער די וואלעס, קומט אן דער בערנטרייבער מיטן בער אויף דער קלינגענדיקער קייט. און איך כאפ מיך אויף מיט א דערשטיקט געשריי: „זע, ער איז ווידער דא".

כ׳האב ממש אנגעהויבן גלייבן, אז איך בין טאקע ארייננעפאלן אין די לאפעס פון לילית, ימח שמה, און איר חבריא, רחמנא לצלן . . .

איין עצה איז לערנען, לערנען: „האור שבה", די ליכטיקייט פון דער תורה וועט מיך מציל זיין בון אלע בייזע חלומות און פינסטערע שרעקן: ווער זאגט דען, אז א מענטש מוז שלאפן אכט־ניין שעה א מעת־לעת? האט דער ווילנער גאון געשלאפן מער ווי פיר שעה? און טאקע ר׳דודל לעלעווער קיין פיר שעה איך נישט — „כשינת הסוס", ווי דוד המלך! און איז אריסטאטעלעס נישט געזעסן די נעכט אדורך די פיס אין א בעקן מיט וואסער, אז דער קאפ זיינער זאל קאנען ארבעטן? . . .

עפעס האב איך שוין אנגעהויבן צו פארשטיין ווי ס׳ארבעט א קאפ . . . כ׳האב טיילמאל ממש געקענט זעען און אנטאפן מיט די הענט: זע ווי דער שטערן נעמט זיך צוזאם, ער קנייטשט זיך, ער פאלדלט זיך און ער ארבעט . . .

בין איך געפאלן אויף א שכל: לייגנדיק מיך ביינאכט אין בעט אריין, האב איך מיר פאר „המפיל" צונויפגעבונדן די צוויי דיקע פינגער פון די פיס, אפגעזאגט „המפיל", און בין באלד איינגעשלאפן. די ערשטע פאר געזונטע שעה פון שלאף האב איך געשלאפן אן שום חלום, אבער ווי נאר דער דמיון האט געקריגן די איבערהאנט, דער מלאך פון הלומות האט אנגעהויבן צו ארבעטן: די נישט־באוואוסטע רגעס, וואס האבן זיך מיר ארייננעכאפט אין קאפ אריין, בשעת איך גיין אהין און צוריק אין שטיבל אריין, אין די מידע מינוטן בשעתן לערנען, — א דינער שפין־געוועב הדרים, א לבנה־שטראל־פאדים האט גענומען פלאנטערן, קוילן, זיך דרייען און מיך כאפשפונען ווי א פליג אין א שפין־נעץ,—האט די דינע וואנט צווישן שלאף און וואך־זיין זיך גענומען רייסן און איך האב אנגעהויבן שפירן דעם ווייטאק אין מיינע גראבע פינגער. זיי האבן זיך גענומען סארפען און איך האב אויפגעוואכט. דאס בא־וואוסט ווערן פון מיין פרייד, דאס האבן מיך ארויסגעראטעוועט פון אן אומבאוואוסטער שרעק, א לויערנדיקע אין דער פינסטער, האט מיך באותה רגע וואך געמאכט: „רץ כצבי וגבור כארי" — —

שטיל בין איך ארויס פון בעט, דרויסן אויף די טרעפ מיר אנגעטון די שיך, געוואשן מיך ביי דער פלימפ און מיך געלאזן לויפן אין שטיבל אריין.

דער טאטע האט מיך געפונען אין דער פרי א פארטיפטן אין דער גמרא. האט צו מיר געקוקט מיט א מין דאנקבארקייט, מיט א מין אומבאהאלפנקייט צי אפשר גאר א שולדקייט: איז דען דאס נישט געווען דער איינציקער אויס־וועג פון אסך פארלעגנהייטן מיינע און נאך מער אפשר זיינע . . . די שלאף־שמוב, דאס שלאפן אין איין בעט . . . האט ער דען נישט געפילט, ממש געש־פירט, וואס אין מיר גייט פאר? דער קאמף, דער געראנגל . . .



טאג אויס אזוי, א טאג, א וואך! אין שלאף און חלום, דמיון און וואר, איז ביי מיר ממש געווארן איין וועלט, איין נעפל־וועלט . . . די התמדה האט ממש באשאפן וועלטן — ש״י עולמות, פון די שדים און רוחות זענען געווארן אמתע מלאכים — מלאכים ממש . . .

ווען אלץ וואלט געגאנגען כשורה, וואלט איך אפשר געוואקסן ווי מיין ברור־דער שלמה, צי גאר ווי לייב הערש... „וויל נאר גאון!" דעם איבערגעשטאנענעם נסיון, דעם נס פון יענע איינצלנע וואכן שפיר איך נאך ביזן היינטיקן טאג. איך שפיר טיילמאל, נאך איצט דאס פיזישע, ווי ס׳ארבעט דער קאפ, ווי ס׳באוועגט זיך דאס הארץ—א חלומדיקע דבקותדיקייט אויף דער וואר, אינמיטן העלן טאג.

איך בין דעמאלט געווען אזוי ארייננעטון אין מיין התמדה, אין אן אנהייב פון א נאך נישט פארגליווערטער התמדה, אז כ׳האב נישט געוואוסט וואס ארום מיר טוט זיך; וואס ס׳גייט פאר אין לעבן — ס׳איז געווען איין גרויסער גאט־חלום! אבער דאס לעבן איז זיך געגאנגען זיין „נארמאלן" גאנג — — —

אין די גאסן זאמלען זיך קופקעלעך, אין שטיבל קאכט עס — דער שאס אין סאראיעווא דעמאלט האט אלעמען צעטומלט! יעדער טאג ברענגט פרישע נייעס. א געכאפ די צייטונגען, חסידישע בחורים, יונגעלייט, טראגן זיך ארום מיט צייטונגען. איינער ווייזט דעם אנדערן. מ׳לערנט פשט, מ׳קריגט זיך . . .

אין דער היים ביי אונז טוט זיך אויך. די מאמע מוז מסכים זיין אויף דער בייער דירה, אויפן קוילן־סקלאד — מיט צימעלעס גראבירן האט זיך אויך אויס־געלאזט, די קאפעלושארניע, הייסט עס, ארבעט נישט, איז אפגעברענט.

אבער איך ווייס פון גארנישט. איינגעשפאנט אין מיין התמדה, גיי איך מיר אין מיין אקסן־שפאן. דאס אויפוואכן איז שוין נאטירלעך. דאס אוועקגיין אין שטיבל שטיל פאמעלעך, ביז אויף איינמאל, און ווי מיט א האמער איבערן קאפ איז עס געקומען.

שבת, ערב תשעה באב, מיר גייען אהיים פון שטיבל. די ווארשעווער גאס, די געסלעך ארום — איין ווילדער געטומל, א גערודער — אן ערבוביה! ווייבער אין טיכלעך אויף די קעפ לויפן און וויינען, די אהער, די אהין, און מ׳שרייט זיך צו: „ס׳איז טאקע אמת"? „א חורבן צו מיינע יאר!" „ס׳זאל נישט אזוי קלעבן, ווי ס׳קלעבט!" די גאנצע שטאט איז געווען אויפגעקאכט: אין דער ערשטער אלייע קלעבן פלאקאטן: „מאביליזאציע!" געוויי אויסגערעכנט וואו מען זאל זיך שטעלן און ווער ס׳זאל זיך שטעלן. קודם אלע זאפאסניקעס, די רויטע בילעטניקעס, אפילו די גרינע און אלע יארן פון 18טן לעבנס־יאר.

דער טאטע האט זיך נישט געוואלט לאזן שטערן די שבתדיקע מנוחה. מיט פסיעות קטנות זענען מיר אהיימגעגאנגען. ער קוקט מיך אן — זיין זיבעצן יאריקן בן־זקונים, וואס איז שוין, קיין עין הרע, אויפגעשאסן ווי א צוואנציק־יאריקער. ער וויל פארטרייבן די מרה־שחורהדיקע מחשבות און הייבט מיר אן נאכצוזאגן דעם יערות־דבש משל אויפן מאמר: „שאומות העולם מתרגזים זו בזו": „צוויי קוואקעס מיט הינדעלעך דרייען זיך ארום אויפן הויף. די בעל־הביתטע קומט ארויס און שיט גארשטן מיט קערנער. שפרינגען די צוויי הענער און פיקן אלץ אויף, און די קוואקעס מיט די הינדעלעך גייען, נעבעך, אויס נאך

א גערשטל. וואס טוט גאט? הייבן זיך די צוויי אן צו שלאגן איבער עפּעס א גרויסן גערשטן־קארן, וואס איז זיי גאר וואויל געפעלן. צוערשט קוקן זיך אן בלוט־פארלאפענע אויגן, מיט בלוט־אנגעלאפענע, אויפגעשטעלטע קרענץ. דערנאך פאלט איינער איבערן צווייטן ממש דורס צו זיין — בלוט גיסט זיך! דער הענער־געראנגל דויערט אזוי ביז די קוואקעס מיט די הינדעלעך האבן הערוויל פון אונטער זייערע געשפארנטע פיס אויפגעפיקט אלע גערשטן, און די קעמפנדיקע הענער בלייבן מיט די אראפגעלאזטע נעז און איסגעבלוטיקטע קרענק, ווי צוויי אויסגעניכטערטע דראגונערס נאך דעם ווי זיי האבן זיך גוט צעשלאגן, און הערן זיך צו ווי די קוואקעס רופן צוזאם זייער הינדעלעך.

„זעסט“, האט ער אויסגעלאזן, און אליין געהאט א שבתדיקן נחת פון דער שיינער מעשה: „די הענער זאגן טאקע יעדן כאיאר זייער שירה, אבער די מאמע הינדלעך זאגן א שבח און א לויב יעדע מינוט, ווען זיי זעטיקן אן זייערע עופהלעך“.

ווען מיר האבן אפגעגעסן, מקצר געווען מיט זמירות, ווייל ס'איז דאך שבת תשעה באב, זאגט דער טאטע צו מיר: „מ'טאר דאך היינט נאך צוועלף אזייגער נישט לערנען; אפילו שבת טאר מען אויך נישט. און אין די איוב־ספרים איז דאך אודאי נישט שייך שבת ארייצוקוקן, וועלן מיר ארויסגיין אנקוקן די פלאקאטן.

די ווארשעווער גאס האט קיינמאל נישט אויסגעזעען אזוי שבתדיק און פריילעך ווי דווקא דעם שבת תשעה באב נאכמיטאג . . .

פון אלע געסלעך, פון דער „גובערניע“, פון די קאזארמעס, פון דעם שאסיי, עס האט זיך געצויגן קינד און קייט, ווי צו תשליך, שבתדיק אנגעטון און געדרישט מיטן גערייד, מיט זיידענע מלבושים, ווי א רוישיקער, גייענדיקער טייך. די ווייבער וואס האבן שוין געוווסט זייער בראך זיינען שוין געוויינט אין דער היים . . .

צוקומענדיק פאר דער פלימפּ, נישט ווייט פון דער גרויסער קאמענציע, קייגנאיבער וואו ס'וואוינט דער מגיד, זענען געשטאנען דעם מגידס קינדער צוזאם מיט אפאר בית־מדרש בחורים, געכאפּטע שוין אין „מזרחי“, און מיט זיי לאזער פלאצקער, יעקל און וועוושע, פריילעך צעקאכטע און האמפערנדיקע. וועוועשע, א שבתדיקער, אין א סאמעטן היטל, מיך דערזעענדיק, האט פארלאזט דאס קרענצל און צוגעקומען צו מיר, און באהערשט זיך מיר נישט ארומצוכאפּן, דערזעענדיק, אז איך גיי מיטן טאטן. איך בין ווי פארגליווערט.

פאר דער ווינדמאן־ראזורע — דעם בעל תשובה דוד ווידמאנס, וואס געהער איצט זיינע ברידער — אין גאלדשטיינס גרויסן פיר־שטאקיקן הויז זענען געשטאנען א קופּקעלע אויסגעפּוצטע, פריש־אויסראזירטע און פריזירטע פאצעטן, רייכערנדיק ציגארעטלעך. דער טאטע איז געווארן ווייס ווי קאלך. ער האט מיך געגעבן א כאפּ מיט א ציטער ביי דער פלייצע, ווי ער וואלט געהאלטן ביים אומפאלן. ער איז נשתנה־צורה געווארן: „קום, מיר האבן שוין גענוג. כ'זע דאס דאס ערשטע מאל“ . . . נישט געוואלט, צי נישט געקענט ברענגען פארן מויל די ווערטער: „רייכערן אין שבת“ . . .



ער איז געווארן שטיל. די תשעה באב מרה־שחורה האט זיך אים אויס־געגאסן אויף זיין פנים, און נישט געקענט זי מער פארטרייבן, כאטש ס'איז דאך היינט שבת . . .

מיר זענען נישט מער אהיימגעגאנגען. מיר זענען געגאנגען אין שטיבל אריין. דער טאטע איז געגאנגען נישט מער מיט פסיעות קטנות, נאר ווי א הערשלאגענער. און איך האב מיך אים נאכגעשלעפּט ווי א קאלב צו דער שחיטה, נישט ווייל איך געהער צו די יארן, וואס מוזן מארגן זיך שוין שטעלן; איבער עפּעס א מין חשבון (מסתם די לעגאטע פון מיין ברודער . . .) בין איך מיט א יאר פריער געווען איינגעמאלדן און בין שוין געווען אן אבצן־יאריקער, נאר ווייל כ'האב דערפילט: דערזעענדיק וועוושען, איז מיין גאנצע התמדה־ארבעט, דער גרויסער אנשטרענג ווי צונישט געווארן, אז איך וואלט ליבער איצט געגאנגען מיט וועוושען, מיט לאזערן, איבערן בריקל, אויף די לאנקעס ארויס, אידער מיטן טאטן איצט מיטקריכן אין שטיבל אריין.

ס'שטיבל איז געווען לידיק, זיך געבאדן אין דושנע שטויב־שטראלן. דער טאטע האט ארויסגענומען דעם מדרש איכה און אנגעהויבן לערנען מיט אזא אויסטערלישן יללה־ניגון, שטיל אין זיך אריין, מיט אן איינגעהאלטענעם גע־וויין. איך האב מיך אנגעהויבן מיטצושאקלען, מיטצוזינגען: „וי וי לדהוי עלמא דשיכנתא בגלותא“, שכינתא בגלותא.

## צום 25סטן יאר „לשון און לעבן“

ס'קומט קיין מחותן נישט, ס'גייען קיין געסט,
נו, וועט מען זיך משמח זיין אליין,
ווי זאגט דאס ווערטל: „קלענער דער עולם — — —“
איז „איינגעגאסן“ דעם כוס מיט „ריינעם ווין“ . . .

ווי פינקלדיק ס'פליסט, ווי פייערדיק ס'פלאמט,
נישט ווי פון א פלאש — ווי פון א פולן פאס!
און אז נישטא ווער דעם כוס ס'זאל הייבן,
איז אויך נישט כ'וויס וואס, צי חלילה וחס . . .

זיך אליין די פיינע ברכות געזאגט,
אליין געענטפערט זיך דעם הויכן „אמן“,
און א חניפהלע, און א שבחל,
און ס'„מי־שברכל“ מ'קנאקט זיך אריין.

אנהייבן נאכאמאל קאן מען דאך נישט,
אבער ענדיקן מיט פריידן ווילט זיך דאך!
איז אויב נישט בעסער, אקארשט נישט ערגער,
ווייטער צו קענען גיין אזוי אין שווערן יאך —

מ'קען נישט גיין מער, גייט מען דאך ממילא נישט,
און בארג אראפּ גייט עס דאך פון זיך אליין . . .

דאס ביטשל, אויך מיר א גרויסער מאלער,
נאָבן טויט וועט ווייניקער צו שינדן זיין.

טרוימט די קלאטשע פון שנײדן מיט געזאנג ?
זי שמעקט דעם ריח פון אויפגעריסענער ערד,
די פרייד ווען אייגענעם כוח אין זיך מ׳פילט,
און איבער זיך פייגל־געטשוויטש מען דערהערט.

יענע מענדעלע קלאטשע, הויך אויף דער בויד,
„טינטערל" ארויס און „טינטערל" אריין — —
אין די בלאָטעס דא, אויב נישט אויפן פערד,
מוז מען, במחילה, אליין די קלאטשע זיין.

## דאס מאמע לשון

„החיים והמות ביד הלשון"

ס׳וואונדערלעכע מעשהלע פונם מאמע הארץ,
ווי שענדלעך־אומענדלעך די ליבע־לעגענדע — —
ווייס עס דען נישט וויל, וואס ס׳בן־יחידל אזוינס ?
בלויז מיט זיין טויט איז דאך אלץ שוין צו ענדע.

אבער זיין פרייד, ווען ר׳ פאלט שיעור איבער דער שוועל,
נישט פערשטאנען ער וואלט ס׳ווארנדיקע ריידן,
איז וואס געהאלפן שוין דעמלט זארג און ליבשאפט,
פאר־קינדס־וועגן זיך לאזן ארויסצושניידן — — —

אלצדינג וועט מאמע אוועקשענקן — דאס לעצטע !
צאפלדיק הארץ, לעצט ביסל בלוט, ס׳גאנצע לעבן,
נאר נישט ס׳לשון — זי זאל קענען זאגן : „מיין קינד
גיב אכטונג, קאנסט דיר, חלילה, א קלאפ נאך געבן" . . .

## על רגל אחת נאך

. . . אז איך זע קיינעם ווער מיין ארבעט דא איבערנעמט,
און אז נישטא וועם מיין ארבעט איבערצוגעבן,
מילא האב איך דאך נאר די אין־איינציקע ברירה,
האבן כוחות אנצוגיין און ווייטער צו לעבן.

איז דאך מה־נפשך, איז מיין ארבעט טאקע וויכטיק,
איז זי דאך געאייביקט קיינמאל נישט אויפצוהערן,
אלא נישט, לוינט דאך צומאל קיין ווארט פארלירן,
צי גאר וויינען מיט עכטע קראקאדילן טרערן.

פריי איך מיך אז כ׳בין א רינגעלע אין אונזער קייט,
נישט דאס גילדנסטע, נישט דאס גרעסטע — א רינגעלע !



אויף דינסט צווייגעלע, על רגל־אחת ס׳פייגעלע,
טשוויטשער איך מיר אין דער וועלט אריין מיין זינגעלע.

## יאנואר - ליד

אין אסיען ווען די פייגל פליען אוועק,
לאזן זיי אונז דא די שפערלען כאטש איבער ;
ס׳ווערט טונקלער, סמוטנער, ליידיקער — עס שווידערט !
די טעג שאטענען אלץ טריבער און טריבער.

גרויער טרויער דער פארכמארעטער הימל —
פארצווייפלטער צער צוקט צווישן די צווייגן !
נישט פון בענקשאַפט, פון אזא פארלאזנקייט,
אבלדיק, יתומדיק, טרערט מוטנע שווייגן.

אבער ווען ס׳פאלט ווייס ערשטער שניי אויף דער ערד,
אויף די ביימער א גערידער הארמידער ;
הונגעריק, פריריק ברידערלעך געטוליע,
ווי זינג־פייגל זינגען די שפערלען לידער.

אויבן פלאטערט שווארץ קראַקעדיקע קראָ,
קורטשען זיי זיך דערשראָקן אויף די ביימער —
א געזאנג רייסט זיך זיי הייזעריק ארויס,
דעם טאַקט קלאפט צו קאַלטער־פוס פון פארק־שומר.

## אין נעפל

ווייס איך וויאזוי איך שרייב און וויאזוי נישט ?
עס איז אלצדינג אזוי ווי אין נעפל פארווישט.

טײלמאל איז עס פרייד און אפטמאל דווקא גאר לייד —
עס געבן זיך א שאט לאנג־פארשוויגענע רייד.

פון אונטער לעפעלע פון הארץ, באהאלטן ווו,
רייסט ווי א וויכער ארויס ווילדער אומרו —

ווינדמיל דרייט זיך קאפ אין הענט, ער ווערט ווי צעמישט !
און ווי ס׳וואלט מיר ווער פון אויג א טרער אויסגעווישט.

## נעפל - ליד

ווען ס׳זינגט אויס קראנקע לונג איר געזאנג פאר גאט,
מיט שווארצן לייכעץ אויף גרויען נעפל געשריבן,
קלאפט צו דעם ריטם וואגלדיק, וואקלדיק,
נאכגעשלעפטע זויל צעריסן און דין־צעריבן.

זיצט גאט דעמלט אויף זיין שטול, הערט זיך שטיל צו
און טרערן טריפן טרויעריק פון זיינע אויגן:
וואס קאן שוין זיין גרעסער פון אזא לייד ליד,
מ׳בלייבט ליגן ווו אויף דער ערד טויט אויסגעצויגן.

## ביזן טויט שוין כ׳וועל שוין שטיין אזוי

(אייזיק גאלדבערגן און פרוי פאר זייערע פייגעלעך)

ווען כ׳זע די צוויי פייגעלעך אין דראטן־שטייגל,
כ׳הער זיי זינגען ווי פון געשריבענע נאטן,
אין דאס דריטע, ס׳קראנקע און אלט־געווארענע —
געשטאנען ס׳וואלט און וויינען ביי שטאכל־דראטן!

דאכט זיך מיר, אז איך זיץ אין אזא שטייגעלע,
די יינגע? ס׳אלט געווארענע? וואסער חילוק;
ביזן טויט שוין וועל איך שטיין אזוי און זינגען —
באקלאגן אונזער גרויליק־גרויסן כארטילעך.

## צוויי קליינע לידלעך

### אזוי...

„כשם שמברכים על הטוב כך מברכים על הרע״

אין א וואר,ווירקלעך ווי אזוי און וווּנדיק וואך,
וואסער הארץ וועט נאך וואגן צו טרוימען;
צי חלומט דען א טויטער אינם קבר — —
דער ווינט? ס׳קלאפט אין שויב שוין מלאך דומם.

ווי ס׳ציט זיך די נאכט אזוי מוראדיק לאנג,
רגע׳ס שלאף און חלומות אומענדלעך;
מיט יעטווידן פריש אויפגעוואכטן בעגין,
דער כתרון אזוי קלאר און פארשטענדלעך.

### „כחלום יעוף״

צי קאן דען זיין א שענערער חלום,
ווי ס׳לעבן זאל זיין א טרוים וואס פארפליט?
יעדע רגע לעבן טאפלט טייער,
ס׳בליט אויף און ס׳פליט אויף א זינגענדיק ליד.

א נישט געזעגן שוועלבל אין צעניט,
איז אן אויפגעפלאטערט הארץ ווען עס זינגט;
רגע לעבן אין אומענדלעכן טויט,
שטילינק פארחלומט, טיף אין זיך פארזינקט.



## אבער אזוי איז עס שוין (נ. רבינען)

די טויב מיט געבראכענעם פליגל פאר מיין פענסטער,
וואס קוקט מיט אזויפיל דאנק ארויף צו מיין שויב,
ווייסט גארנישט: נישט איך, נאר מיין שכנטע אונטער מיר,
ווארפט די ברייזעלעך און איר קומט דער דאנק און לויב.

א פיק און א קוק און אינם בליק אזוי פיל גליק!
איך ווינק, געב איר צו פארשטיין דער נארישער טויב — — —
אבער אזוי איז עס שוין: די מאמע ערד גיט ברויט,
און רק צום הימל שיקן מיר דעם דאנק און לויב.

## נישט געענדיקט ליד

1

א שלאג־אדער צום פלאצן א געשפאנטע,
איבער א שנעל צילנדיקן פיילנבויגן,
אדער גאר איבער א שפילנדיקער הארף,
ווען די סטראנעס סטראיענדיק גוט אנגעצויגן?

איך פייל אפצושיסן, אין ציל צו טרעפן,
ווי געטרעטן מוז מען ווערן, ווי געבויגן;
איין ניגון פון הארצן ארויסצוהארפן,
ווי שטאלץ־אויפגעפלאטערט — א שוואלב אויפגעפלויגן.

בלויז תמיד די הייס־טריפנדיקע טרערן,
פארגליווערטע אין די גליענדיקע אויגן,
סיי ווען געריבען דער ניגון אזוי שטיל,
סיי ווען געטראגן אין ציל דער פיילנבויגן.

2

און איצט, אז לייב אזוי אויסגענוצט שוין,
א צעבראכן כלי אויף ארויסצווארפן;
גאנצער גוף אזא מגועלדיקער,
אן עקל צו עפעס אים נאך צו באדארפן.

א מעסער ווי פארזשאווערט, ווי שטומפיק,
דאך זיין פגימהדיקן קלינג מ׳קאן דין אויסשארפן;
בלויז אז אלע סטראנעס צעריסן זיינען,
וואס נוצט אזא הארף צווישן די הארפן?

טיף אין ווינקל קאנען שטיין שטאלץ און שטיל,
קיין שאדן פון זיך צומאל נישט צו ווארפן.
א שפין וועט שפינען איר פינסטער געוועב,
און גוססדיקע פליג ברומענדיק וועט הארפן.

אבער דער בויגן וועט תמיד ליגן גרייט,
שווער איז א געטרעטענעם זיך אויסצוגלייכן ;
דעם שליידער אויף אים איבער צו שפאַנען,
פון הארץ ארויס די שלאנג — שטיל צו אים צושלייכן.

נישט מיט שפינגעוועב שנעלט מען אפ א פייל,
זי זאל טרעפן און פונקטלעך איר ציל דערגרייכן !
זי אבער א גיפטיקע וועט דעריאָגן,
פלינקסטן רויב־פויגל אין תהומיקסטע הייכן.

די פליגן אין הארץ נישט זשומען מער, ווען שלאנג
געשפאנט איבער בויגן וועט סיקענדיק פרייכן ;
א מדבר־שטורעם וועט געוואלטיק ברומען —
א ניגון אויסהאַרפן, נישט געהערט זיינס גלייכן.

## מאריס מינדל ע״ה

איינער פון יענע ווילנער למד־וואוניקעס,
פון יענע הארפאשנע הייליקע לייט,
קולבאקס א קוילן־ברענער, א סמאלע־ציער,
דא צווישן אונז האט ער זיך ארומגעדרייט.

אייב זעקס־נ׳דרייסיק אזעלכע, אין ווילנע געווען,
האבן מיר דא כאטש איינעם אזא געהאט —
מען האט אים געמוזט זען אזוי ביים איינבינדן,
אויסזויקלען און אויסגלעטן א שמות־בלאט.

די ליבשאפט, די חכמה אין בליק און אין די הענט,
דעם פענזל ווי ער פירט, די שער ווי זי שערט,
פארארבעט, פארשמירט, אין שטיק פאפ אליין,
אבער אז אין אות חלילה פארקלעבט ווערט.

זע, פון די צעריסענע, צעקנייטשטע שמות,
א שם הויה, א געהייליקטער שם — —
די ליכטיקע פרייד דעמלט איבער זיין פנים :
די גרויסקייט פון אן אות פארשטיי און פארנעם —

מייז־צעגריזשעטע ספרים, צעוויינטע תחינות,
אן אלטע הגדה צעפרעסן פון ווייַן ;
ערשט א יידיש בוך אקארשט פונם דרוק ארויס,
שפאגל־ניי געקומען אים אין האַנט אריין —

גענומען ריידן זיין באטעמט ווילנער יידיש,
און פון ארבעטס־טיש אויפגעהויבן זיין קאפ,
ס׳שיטן זיך פסוקים פון מענדעלען, פרצן,
ער וואלט מעביר סדרה געווען מיטן טראַפ.

ג. רובין

## „לשון און לעבן״ ווערט 25 יאר אלט !

א יונגער בחור, בלויז ניינצן יאר אלט, בין איך אהערגעקומען קיין לאנדאן פונקט אום הושענה רבה. געקומען בין איך פון לאדזש, אין פוילן, צו מיינע עלטערן, וואס האבן שוין געוואוינט דא הי נאך פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פלאמערס ראוד, אזוי רופט זיך דאס געסל, וואו מיינע טאטע־מאמע האבן געוואוינט ; און געווען איז עס דאס סאמע שמאלסטע געסל אין דער איסט־ענד. אנגעהויבן האט עס זיך אין ווייטשעפל און אויסגעלאזט אין קאמערשל ראוד. אט דאס שמאלינקע געסעלע האט געהאט די כאראקטעריסטיק פון א קליין שטעטל ערגעץ־וואו אין פוילן. עס האבן זיך דארט געפונען אין יידישע יאטקע, צוויי שפייז־קראמען און א פרוכט־געוועלב, אויך א וויין־האנדל, צוויי בעקערייען, א יידיש־ברויט־בעקעריי און א לעקעך־בעקער, צוויי חדרים, וואו מלמדים האבן נאך געלערנט מיט קינדער לויטן היימישן נוסח. הערצו האבן זיך דארט נאך געפונען גאנצע צוויי חסידים־שטיבלעך, מיט היימיש־חסידישע יידן לומדים, מיט לאנגע בערד.

זייענדיק א ליבהאבער פון יידישן טעאטער, יידישן בוך און יידישער צייטונג, האב איך באלד נאך סוכות באזוכט, קודם כל, דאס יידישע טעאטער. דערנאך בין איך אוועק מיך באקענען מיט דער יידישער ביבליאטעק און מיט דער רעדאקציע פון דער דעמאלט באקאנטער טעגלעכער צייטונג דא אין ווייטשעפל „די צייט״, וואס איר שעף־רעדאקטאר איז געווען מאריס מייער. שפעטער ערשט האב איך מיך דערוואוסט, אז אנגעהויבן זיין זשורנאליסטישע טעטיקייט האט מאריס מייער, ע״ה, טאקע אין דעם פריער דערמאנטן שמאלן געסעלע, פלאמערס ראוד, אין א קעלער־שטוב. נאר מיט דער צייט האט ער זיך ארויפגעארבעט, דערגרייכנדיק די מדריגה פון דער שפעטער באוואוסטער צייטונג אין ווייטשעפל, מיט אן אייגן הויז און דרוקעריי, און געווינענדיק א גרויסע צאל פון די פיינסטע יידישע שרייבער און זשורנאליסטן אלס מיטארבעטער. צווישן די לעצטע האבן זיך געפונען א. צ. ראמאנאווסקי, ע״ה, מיכל זיסקינד, ע״ה, בן־א. סאבאטשעווסקי און זיי צו לענגערע יאר לעא קעניג, א. נ. שטענצל און אנדערע, וואס געפינען זיך איצט מעבר־לים.

מאריס מייער האט אנגעפירט מיט דער צייטונג ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. יא, ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א יורש, דעם זון הערי מייער, וועלכער האט אבער, צום באדויערן, נישט אויסגעהאלטן דעם נסיון פון אנפירן מיט א יידישער צייטונג, און זי איז אונטערגעגאנגען . . .

אין די צוואנציקער יארן פון אונזער יארהונדערט זענען דערשינען אויך צוויי אנדערע יידישע צייטונגען אין דער איסט־ענד — „די פאסט״ מיט שאיאק אלס איר רעדאקטאר און „דער ארבעטער פריינט״ מיט י. וויינבערג אלס רעדאקטאר. זער לאנג אבער האבן זיי זיך נישט געהאלטן . . . די סבה פון זייער אונטערגאנג איז געווען גאנץ פשוט — מאנגל אין פינאנציעלע מיטלען !

די ליטערארישע זשורנאל, אז זיי האבן אויסגעהאלטאנט 6 נומער איז עס שוין געווען אבער די כוחות.

איניקע יאר נאך היטלערס קומען צו דער מאכט האט דער גורל אהערגעברענגט דא קיין לאנדאן דעם דיכטער א. נ. שטענצל, וועלכער איז אויף א געוויסער צייט געווארן א מיטארבעטער ביי מאריס מייערן. ס׳האט אבער לאנג נישט געדויערט און א. נ. שטענצל האט אנגעהויבן א ליטערארישע טעטיקייט אויף אייגענער האנט. אזוי ארום איז עס געקומען צו דער גרינדונג פונם פריינט „פריינט פון יידיש־לשון״ און צו די חודש־העפטלעך, וואס שטענצל האט אנגעהויבן ארויסגעבן. אט דאס אלץ האט געפירט צו אונזער וויכטיקן זשורנאל

„לשון און לעבן", וועלכער האט זיך קונה־שם געווען אין דער גאנצער יידיש־ליטעראַרישער וועלט.

„לשון און לעבן", וואס מיטן יאנואר־נומער, 1964 ווערט דער זשורנאל קין עין הרע, פינף און צוואנציק יאר, האבן זיך באטייליקט עד־היום אלע לאנ־דאנער יידישע דיכטער און שרייבער. א. נ. שטענצל באמיט זיך עם־כל אמצי כוח אויפצוהאלטן דאס געדרוקטע יידישע ווארט.

עס לאזט זיך ציען א שטיקל פאראלעל צווישן מאריס מייער, ע״ה, און אים צו לאנגע יאר א. נ. שטענצל. אין זיי האבן מיר פאר זיך צוויי יידישע רעדאקטארן, וואס אין דער געשיכטע פון יידיש־לאנדאן האבן במשך פון אפאר צענדליק יאר אנגעפירט דער מיט א טעגלעכער צייטונג און דער מיט א חודש־לעכן ליטעראַרישן זשורנאל. פארוואס איז עס נאר זיי געלונגען אויסצוהאלטן אט דעם נסיון? גאר פשוט, בלויז זיי אליין זענען געווען אזוי ערלעך איבער־געגעבן דעם יידישן ווארט, דער יידישער קולטור.

ויכער איז דאס פינאנציעלע פראבלעם אויך געווען אן אנגעווייטאקט פראבלעם אפילו פאר זיי . . . אבער דאס יידישע ווארט האט תמיד ביי ביידן געהאט די אויבערהאנט, געווען דאס וויכטיקסטע אין זייער לעבן!

און אויב מיר, די קליינע צאל קולטור־טוער — י. ביעטש, מנשה וויסגראז, אייזיק גאלדבערג און אני הקטן בתוכם — לייגן צו א האנט, כדי א. נ. שטענצל זאל ווייטער קענען אנפירן מיט „לשון און לעבן", איז עס וויל מיר ווילן ארויסווייזן אונזער אנערקענונג פאר זיין ערלעכער איבערגעגעבנקייט דער יידישער קולטור־ארבעט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך אפעלירן צו אונזערע אבאנענטן, אז זיי זאלן אונז רעגלמעסיק צושיקן דעם אפצאל פאר „לשון און לעבן" און, אויף ווי ווייט מעגלעך, געווינען צווישן זייערע פריינט נאך אבאנענטן פאר אונזער זשורנאל. דערמיט, פארשטייט זיך, וועלן זיי העלפן, כאטש אין א באשיידענער מאס, צו זיכערן דעם ווייטערדיקן גאנג פון אט דעם איינציקן ליטעראַרישן יידישן חודש־זשורנאל אין גאנץ מלכות ענגלאנד — „לשון און לעבן".

נ. רובין סעקרעטאַר פון „לשון און לעבן"

---

## אליהו פאלושאק ע.ה.

ביים סאמע שליסן דעם נומער הערן מיר די טראַגישע ידיעה, פון אליהו פאלוסאק׳ס טויט. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין טאכטער, איידעם, איניקל, שוועסטער וואס וווינען אין ישראל, און קרובים דא אין לאַנדאָן. אן אפהאנדלונג איבער דעם שרייבער פאלושאק, וואס איז אויך, אין די ערשטע נאך־מלחמה יארן, געווען א צייט דער סעקרעטאר פון „לשון און לעבן", אין קומענדיקן נומער.

חבל על דאבדין

---

## יידין ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג

33 בערנער סטר. (הענריקעס סטר.) בערנארד באראן סעטלמענט — 3 א זייגער

שבת דעם 25׳סטן יאנואר — חמישה עשר־און שבת שירה־פראגראמע.

שבת דעם 1 פעברואר — דעם אנדענקן פון מאריס מינדל ע.ה.

שבת דעם 8׳טן — די ישראל־זאנגוויל פייערונג.

שבת דעם 15׳טן — לכבוד דעם 25׳סטן יארגאנג פון „לשון און לעבן".

247

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 386) פינף און צוואנציקסטן יאַר פעברואר 1964 לאַנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


לכבוד פורים (שלח־מנות אויף א קליין טעלערל), און אדר ליד מאסקעס ** 1

דניאל אין פורימדיקן פאלקלאר (עסיי) ............ י. ריכטיגער 4

שלח־מנות (פורים־לידער) ............ שמואל וווהייט 7

און אדם האט קאפיטולירט (המארעסקע) ............ משה בעקערמאן 8

מיין טאטע (ליד) ............ יוסף לעפטוויטש 12

דאָס מלחמה יאר 1914 (המשך) קראָקאדיל קאדריל (צייט־לידער) ............

א. נ. שטענצל 12

אליהו פאלושאק הער שרייבער און רעדנער ............ יהודה ביעטש 31

צום טראגישן טויט פון אליהו פאלושאק ע.ה. ............ אייזיק גאלדבערג 32

ווייסט הער בוים אין וואלד (ליד) ............ דארע טייטלבוים 34

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאָגס ............ 34


פריינט פון יידיש לשון

זונטיק, דעם 15׳טן מערץ, 7 אזייגער אין אדלער האָל, אַדלער סטר. א.1.

א באנקעט לכבוד דעם

25׳סטן יאר - גאנג פון „לשון און לעבן"

רעדעס באגריסונגען, רעציטאציעס, געזאנג — ביי געדעקטע טישן

איינטריט 3 שילינג ביי דער קאַסע

---

פרייז 2 שילינג


אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאַר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאַר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*